STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00979

FABLEN

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible by
Myron Koltuv, Ph.D.
in memory of
Itchke Koltuv

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהואש

פאַבלען

פאַרלאַג „אויפגאַנג"
ניו-יאָרק

FABLES

by

YEHOASH

50 Eldridge Street
New York

Copyright, 1912, by S. Bloomgarden.

MADE IN U. S. A.

אינהאלט פארצייכנים

פראָלאָג 3

אַ פאַבעל וועגען פאַבלען 5
דער פערל, דער בריליאַנט און דער דימענט-גלאָז 8
דער שמאָלער שטראָם און דער בויער 11
די מויז און די אַלטע ספרים 13
עהר-געפיהל ביי חיות 15
די חיה-עמיגראַנט 18
דער סטרייק פון די היהנער 20
דער ענדיק און דער קאַנאַרעק 23
דער לעקסיקאָן וואָס זידעלט זיך 26
דער פרומער סאָסענע-צווייג 29
דער גאָלדענער חנוכה-לאָמפּ און די קנויטלאַך 31
דער גליה-וואָרעם 34
דער מאַן מיט די צוויי ווייבער 37
דער שטרויס-פויגעל 40
דער מיוחס'דיגער הונד און דער האָהן 42
די וועווערקע און דער זינג-פויגעל 45
דער טעלעגראַף-סלופּ און דער עירוב 47
אַ הונד בלייבט אַ הונד 49

די זעקס בלינדע און דער עלעפאַנט ... 51
אַ'ן אַסיפה ביי די חיות ... 54
די הוהן, די קוה און דער שטאַל-קנעכט ... 56
דאָס פרעירי-הינטעל, די שלאַנג און די סאווע ... 59
דער אויסגעמענשעלטער אראנג-אוטאנג (I) ... 62
אראנג דער בעל-טובה (II) ... 65
די זשאַבע און דער בושעל ... 68
די זונן און דער טעלעסקאָפּ ... 70
דער זאַנג-שפּיץ און דער שטרוי ... 72
די אָפּגעפּיטערטע קאַץ ... 74
דאָס געלע בלאַט און די פישען ... 76
דער אַנקער און דער מאַסט ... 78
אַ ראָב וואָס האָט נאָכגעמאַכט אַ'ן אָדלער ... 81
דער וואַלפיש ז"ל ... 83
די רייפּען, די קליעפּקעס און דער שפּונט ... 85
די אייזלען נעהמען נקמה ... 87
אַ צדקה-באַל ביי די חיות ... 90
דער גלאָק און די מעטאַלען ... 94
די אָפּשאַפונג פון שחיטה ... 96
דער קאָפּ און דאָס הארץ ... 99
אליהו הנביא און די הינד ... 101
דער פּאָפּוגאי ... 104
דער האָז צווישען גדולים ... 107
דער שטיין און די בוימער ... 109
דער היפּאָפּאָטאָם ... 111
דער טאַנץ-בער און דער פערד ... 113
די טשערעפּאַכע אין געוועט מיט'ן האָז ... 115
די פּאפּולערע זשאַבע ... 117

דעם הירש׳ס און דעם אָדלער׳ס מיינונגען	119
די הינטער-רעדער און די פאָדער-רעדער	120
דער פאָדעם און די שער	121
דער שפּיגעל און דאָס געזיכט	123
די דאַנקבאַרע איזלען	124
די פישען-פּאַטריאָטען	126
דאָס צינגעל און די וואָגשאָלען	128
דער פוקס און די מאַסקע	130
דער לוח	131
דעם פּודעל-הונד׳ס התפעלות	133
די רעגענטראָפּענס און דער פעלז	135
די גריל און די נאַכטיגאַל	137
די וועטער-פאָהן און דער זייגער	139
דער האָהן און דער פּערל	140
דער פאָרזיכטיגער פוקס	141
דער טהאָל און דער בארג	144
דער הונד וואָס האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שאָטען	146
דער פוקס אַלס רעפאָרמאַטאָר	147
דער פוקס און די פישען	149
אַ שעפּס אַ׳ן אַדוואָקאַט	151
דער קרוג און דער געלד־ביטעל	154
די פליעג וואָס האָט געזוכט אונשטערבליכקייט	156
די ווינד-מיהל און דער אָדלער	158
דעם בלינדען׳ס קל-וחומר	160
אַ חיה אויף דער לבנה	162
די ביען און די שפּין	164
דער דאַרער הונד	166
דער בערייזטער קעמעל	168

דער זומער-פויגעל און דער חריין-וואָרעם 170
דער אַלטער שוך 173
דער ווינד און די בוימער 175
די צוויי קעץ 178
דער אָדלער און דער קליינער שטראָם 180
דעם ספינקס' גדלות 182
די פלעדערמויז אַלס פעדאַגאָג 184
דער האָז צווישען פרעש 187
דער קאַרגער 190
דער מאָפּס-הונד און דער צוג 192
די יונגע מויז זעהט די וועלט 194
די מאַלפּע און דער פוקס 197
די אייזלען פאר עזאָפּ'ן 198
די פעט-געוואָרענע הוהן 199
דעם לייב'ס שטאַנדפּונקט 201
די מוק 203
אַ מוראַזשקע'ס השגה 206
די פערד און דער וואָגען 208
דער הונד וואָס בילט אויף דער לבנה 210
דאָס אָדלער'ל און דער אָדלער 211
די ציבעלע און דער נוס 213
די פרוכטען און די שישקע 214
די שלאַנג און די זעג 215
די העפליכע מוק 216
די לייביכע 217

פאַבלען

פון

יהואש

פּראָלאָג

איהר גרויסע רוהם־געקרוינטע גייסטער,
וִואָס האָט דער וואַרהייט'ס שטרענג געזיכט,
געמילדערט דורך דעם צויבער פון געדיכט —
איהר, וועלכע האָט די פּאַבעל־מאַסקעראַד,
געוועהלט אַלס צודעק פאַר דעם דענקער'ס ראַטה,
כדי די וועלט צו קענען לערנען דרייסטער —
פאַרצייהט, וואָס כ'האָב מיין פוס געשטעלט,
אויף קונסט און חכמה'ס שותפות'דיגען פעלד,
וואו איהר זייט אַנערקענטע מייסטער . . .

דען קליין מיין קונסט און ווינציג איז מיין ווערק,
דאָך יעדער טהוי־טריף מעהרט די גרויסע שטראָמען
און יעדער שטויב וואָס קלעפּט זיך צו די בערג
פאַרגרעסערט זיי אויף אייניגע אַטאָמען . . .

א פאבער וועגען פאבלען

רב יעקב קראַנץ (דאָס הייסט
דער דובנער מגיד) ווי איהר ווייסט
געוועזען איז באַקאַנט,
מיט זיין עילוי'שען טאַלאַנט
צו זאָגען קונציגע משלים,
און איינער האָט אַמאָל איהם,
געבעטען אויסזאָגען דעם סוד,
ווי ער געפינט אַ משל אַזוי פלינק,
צו יעדען פסוק אין תנ"ך,
און האָט פאַר יעדע זאַך
אַ גרייטען אַנעקדאָט.

דער מגיד האָט געענטפערט מיט אַ לאַך :
„איך קען עס אייך ערקלעהרען גרינג,
„דען טאַקי גראָד
„דערויף, פאַראַן איז
„אַ משל אַן אַנטיק . . .

„צוויי פוילישע וויעלמאָזשנע פאַנים
„וואָס פלעגען
„דערצעהלען נאָכאַנאַנד

„די וואונדערס
„פון זייערע געיעגען,
„און ריהמען זיך בעזונדערס,
„מיט זייער שאַרפען בליק,
„און זייער פעסטען האַנד —
„באַשלאָסען האָבען דורך אַ וועט
„ענטשיידען,
„ווער פון זייביידען
„אין שיסעריי איז מעהר געניט,
„און אָבגערעדט,
„אַז ווער עס וועט
„פאַר הונדערט טריט,
„אַ צירקעל טרעפען אין דער מיטען,
„זאָל בלייבען אונבאַשטריטען,
„דער אנערקענטער העלד . . .

„דער ערשטער, קודם כל האָט אנגעשטעלט
„מיט גרויס הכנות דאָס געוועהר,
„דאַן, האַלטענדיג דאָס אויג צום רעהר
„אויף איינגע מינוט,
„האָט ער געציעלט זיך אַזוי גוט,
„אַז על פי דין
„און יושר, האָט די קויהל געזאָלט
„אודאי געהן אַהין,
„וואו דער פריץ האָט געוואָלט . . .
„דאָך קויהלען האָבען אַ קאַפּריז,
„און די צו־להכעיס׳ניצע איז
„אין גושן אַזש פערקראָכען . . .

„דער צווייטער האָט זיך ניט געבראָכען
„דעם קאָפּ אַ לאַנגע צייט —
„ער האָט געשאָסען גלאַט
„אויף גאָט'ס באַראַט,
„און נ אַ כ ' ן שיסען ערשט, מיט קרייד
„געמאַכט אַרום דער קויהל אַ ראָד,
„ביז זי האָט אַקוראַט
„אין סאַמע מיטען זיך געפונען,
„און ער ממילא האָט די וועט געוואונען„ . . .

„אויב איהר ווילט וויסען" —
האָט צוגעלעגט דער דובנער לאַפּאַנטען —
„טהו איך ווי יענער פּאַן
„ביים שיסען . . .
„ערשט ווען
„איך האָב אַ משל — דאַן,
„געפין איך אוים דעם „נמשל" אָדער „דרוש",
„און טרעף ממילא גלייך אין ציעל אריין . . . "
. . . .
איהר זעהט אַלזאָ בחוש
ווי לייכט אַ פאַבעל־דיכטער איז צו זיין . . .

דער פּערל, דער בּריליאַנט און דער דימענט־גלאָז

אַ פּערל האָט מיט אַ בּריליאַנט,
אַמאָל געטראָפען זיך בּיינאַנד,
אין א י י ן קאַמאָד,
און איטליכער פון ביידען,
מיט אמת׳ע התפּעלות,
בּאַטראַכט פון צווייטען האָט
די גרויסע מעלות.

דער שטילער פּערל האָט בּעשיידען,
דעם אבן־טוב געלויבּט,
און זיך געוואונדערט איבּערהויפּט
וואָס נאָך אַזוי פיעל יאָהרען
פון פינסטערען און טיעפער ערד,
און זיין פון לופט און ליכט בּאַרויבּט,
איז ער אַן עדעלשטיין געוואָרען,
וואָס האָט אַזאַ געהויב׳נעם ווערטה.
אויף זיך אַליין, האָט ער געזאָגט,
אַז ער איז גראָ און מאַט,
און חוץ דעם קומט ער גלאַט
פון פּראָסטען שטאָם:

אַ'ן אויסטער האָט אין ים
געמאָזעלט צי געפּאַקט,
און האָט איהם אויף דער וועלט געבראַכט . . .

דער דימענט ווידער, האָט דערקלערט
פאַרקעהרט —
אַז מיט דעם פּערל'ס צניעות'דיגער פּראַכט,
און זיינע צערטליכע קאָלירען,
קען קיין יואוועל ניט קאָנקורירען . . .

אַ דימענט־גלאָז (אַ ביליגער פּראָדוקט,
וואָס האָט דעם כלומרשט'דיגען פינקעל,
פון אמת'ע תכשיטין,
און אַ בעל־העזה נאָך דערצו איז)
האָט אין דעם שופלאָד־ווינקעל
אוואו ער איז געווען פאַררוקט,
פאַרדראָסען דאָס געשפּרעך
(בעזונדערס די עניוות פון דעם שמועס)
און ער האָט פרעך
אַריינגעפּלאַצט אין מיטען : —

„כ'האָב מורא שטאַרק
„אַז איהר, רבותי,ביידע זייט,
„שוין לאַנג אַראָפּ פון מאַרק . . .
„אין אונזער צייט,
„באַדאַרף מען אין דער ערד ניט ליעגען,
„צי פּ אָ ק ע ן אָדער מאָזלען קריגען,
„כדי צו ווערען אַנערקענט . . .

„ס'איז בלויז געווענדט
„אָן דעם טאַלענט
„צו קענען בלישטשען און געפעלען . . .
„און א ו נ ז ע ר א י י נ ע ר ,
„וואָס איז אַ ד י מ ע נ ט ב ל ו י ז ל פ נ י ם ,
„געפינען גיכער וועט בעלנים,
„וואָס וועלען
„איהם טראָגען אויף די פינגער,
„ווי איהר, די ע כ ט ע עדעלשטיינער,
„ווייל אונז, פארשטעהט איהר, קען מען ק ו י פ ע ן
ג ר י נ ג ע ר"...

דער שמאָלער שטראָם און דער בויער

א וואסער־שטראָם, אַ קלאָרער ווי קריסטאָל
נאָר זעהר שמאָל,
איז דורך אַ פעלד געפלאָסען
און ווער עס האָט גענאָסען,
דעם קיהלען זילבער טראַנק,
פלעגט איהם גענוג ניט לויבען קאָנען,
און זעהר לאַנג
דעם קוויקעדיגען טעם דערמאָנען.

דער אייגענטיהמער פון דעם פעלד,
אַ פראָסטער חי וקים,
האָט אָנגעקוואָלען וואָס די וועלט
זיך לאָבט מיט זיינע מים
און האָט אַזוי געקלערט: —
אויב ס'האָט דער שטראָם אַזאַ מין ווערטה,
ווען ער איז בלויז די גרייס אַ שפאַן,
וואָלט זיין אַ גוטער פלאַן,
איהם גאָר פערוואַנדלען אין אַ טייך.
און טאַקי גלייך

האָט ער גענומען אויסגראָבען די ערד
און האָט געאַרבייט טעג כסדר...
דאָך דאַמאָלס לײדער,
געהאַט האָט ער חרטה —
דען פון דעם ק ל יי נ ע ם שטראָם דעם קלאָרען,
איז בלויז געוואָרען,
אַ ג ר ו י ס ע פלאַכע ב ל אָ ט ע...

די מויז און די אלטע ספרים

א מויז וואס האט זיך אויפגעהאלטען
ארום די שפאלטען
פון א געפילטען ביכער־שראנק,
און איז געווען באקאנט,
מיט יעדער פאליאנט
און יעדער מינדעסטער בראשורע,
פון יאהרען לאנג צוריק —
האט מיט אמאל געקריגען דעם געדאנק,
צו אונטערציהען — ווי מע זאגט — די שורה,
און מאכען א פארגלייכענדע קריטיק
צווישען איין בוך און א צווייטען
(און ווי איהר ווייסט, באדארף מען דאך ניט פיעל,
און ווער עס וויל,
קען אהן א שום זיך גרייטען
א צווייטער בראנדעס ווערען).
ז'האט גענומען ברייט ערקלערען: —
„ווען איהר ווילט האבען אמת'ן געשמאק,
„דאן ווארפט אוועק מיט האק און פאק,
„די ביכער וואס מע רופט מאדערן,
„און קעהרט זיך צו די ספרים פון פארצייטען . . .
„אט פרעגט ביי מיר א ראטה :

„איך וואָלט אין לעבען ניט פאַרבייטען
„אַ'ן איינציג בלעטעל אַנטיקוואַריש,
„פאַר הונדערט זייטען
„פון די וואָס שרייבען כלומרשט נייעס,
„און מאַכען אין דער אמת זיך בלויז נאַריש
„ניט וויסענדיג פון זייער חיות . . . ”

אַ קלוגער קאַמעראַד,
דערצו אַ שטיקעל ליץ,
האָט לאַכענדיג זיך צוגעהערט.
„מיין ווירדיגע פריינדין” —
האָט ער פון איהר געיעקט —
„כ'האָב מורא אז דו האָסט מעהר זינן,
„פאַר ד'אַלטע חלב־פעט'ס
„וואָס אויף די בלעטער איז פאַרטריפט,
„ווי אויף דעם אינערליכען ווערטה,
„וואָס ליעגט פאַרשטעקט
„אין זייער שריפט . . .
„דען דיר אין דר'אמת שמעקען
„נאָר אייגענטליך די שימעל־פלעקען . .
„און ווען דו וואָלסט די זעלבע ביכער
„געזעהן ערשט ניי פון דרוק אַרויס,
„דאַן בין איך זיכער,
„זיי וואָלטען ניט געהאַט ביי דיר קיין חן . . .
„דען אויף זיך גריבלען האָסטו שאַרפע צייהן,
„דאָך קומט עס צום פאַרשטעהן —
„פאַרמאָגסטו נאָר אַ קעפעל פון אַ מויז . . .

עהר־געפיהל בײַ חיות

דער ווײַסער צפון־בער
(ליצנים האָבען זיך פאַרטרויט
אַז ער
איז דאַן געווען אויף גרויסע צרות)
געוואָרען איז פון העלער הויט,
מיט באַרעהערציגקייט געפילט
און האָט גע׳דרש׳ט ווייך און מילד
„אין אַלע נאַרעם
„און אַלע הייהלען
„ווי נויטהיג ס׳איז צו וועהלען
„אַ טריבונאַל,
„וואָס זאָל ענטשיידען אין אַ פאַל
„ווען איין טהיער וויל דאָס אַנדערע פאַרלענדען,
„נאַטירליך, מיט דעם תנאי
„אַז דאָרט וואו ס׳איז דאָס עהר־געפיהל נוגע
„מעג יעדער פריי
„געברויכען זיינע צייהן
„און דאַרף צו קיינעם זיך ניט ווענדען,
„צי פרעגען אימעצען אַ דעה . . .

דער פלאַן געפונען האָט ביי׳ן עולם חן.

און איז געוואָרען שנעל ערפילט ;
און ס'איז געווען אַ שעהנעם בילד
צו זעהן די ווילדע דעלעגאַטען
זיך זאַמלען פון פאַרשיעדענע קלימאַטען,
צום פרידליכען סענאַט . . .

און גלייך אויף מאָרגען אין דער פריה,
איז שוין געוועזען אַ „ויהי" :
אַ יאַגואַר
האָט אָהן שום טענות און פּראָצעסען,
זאָגאַר
ניט פרעגענדיג אַ ראַטה,
אַ'ן אונשולדיגע לאַם צופליקט,
און אויפגעפרעסען . . .

ס'פארשטעהט זיך, אז מע האָט נאָך איהם געשיקט.
זיין תשובה אָבער איז געווען מיט טאַקט : —
„איהר האָט פארגעסען אז אין דעם קאָנטראַקט,
„געוואָרען איז אַ פונקט אריינגעזעצט,
„אַז דאָרטען וואו דער כבוד ווערט פאַרלעצט . . ."

דער פראָקוראָר (אַ ווילדע קאַץ)
האָט אין דעם מיטען זאַץ
דעם אָנגעקלאָגטען דורכגעהאַקט : —
„די לאַם האָט, הייסט עס, דיך באַליידיגט ?"
„אָ, ניין, — האָט זיך דער יאַגואַר פאַרטהיידיגט —
„זי איז געווען אַ שטילע בריאה,
„און ניט געוואַגט אַ וואָרט צו זאָגען . . .

„נאָר גלאַט,
„עס וואָלט געווען פאַר מיין מ אָ ג ע ן
„און פאַר מיין ב י ת ־ ה ב ל י ע ה,
„אַ ח ר פּ ה און אַ ש אַ נ ד,
„אַ שעפּס צו האָבען ביי דער האַנד,
„און זיך ניט אָנעסען ביז זאַט . . .”

די חיה־עמיגראנט

איהר האָט געווים געהערט פון אייער רבי'ן
אַז דאַן ווען משה האָט גענעבען
די טהיערען אַ באַפעהל,
צו קומען אין מצרים שנעל
(אום פרעה'ן צו באַשטראָפען
און אָנגעלאָפען,
באַשעפעניסען זיינען אַלערהאַנד,
פון מעריב און פון מזרח־לאַנד,
פון דרום און פון צפון —
געקומען איז אַ חיה־עמיגראַנט
וואָס האָט געשלעפּט,
צום נאָפעל אָנגעשנורט,
אַ גרויסע גרודע פון דער ערד,
צו וועלכע זי איז פון געבורט
געוואַקסען צוגעקלעפּט ..

עס ווערט
פון יענער חיה אין מצרים
דערצעהלט דער אַנעקדאָט עד היום,
אַז זי פלעגט אומגעהן אין די גאַסען,
און חוזק'ען און שפּאַסען
פון איהרע קאַמעראַדען און קאָלעגען,
די טהיערען,
וואָס האָבען פון דרך־ארץ וועגען
(ווי ס'איז געהעריג פאר אַ גאַסט)

זיך צוגעפּאַסט
צום נייעם לאַנד'ס מאַניערען.
„איך האָב" — פלעגט זי ערקלערען —
„דאָס לאַנד, די לופט, די ספערען . . .
„דעם היגען אײנפיהר, און די היגע תורות,
„דען איך בין ניט מסופק
„אַז אַלצדינג היע קאַפּויר איז,
„דערפאַר — האָט זי געענדיגט מיט קוראַזש
(און שטאָלץ געוויזען אויף איהר פּופּאָק) —
„האַלט איך זיך פעסט אָן היימישען באַגאַזש . . . "

אַ קלוגער פוקס האָט ניט געקענט
פאַרדייען אַזא'ן אַרגומענט
און איהר געזאָגט: „ווען איך
„וואָלט ניט געוואוסט
„אַז דו האָסט קומען דאָ ג ע מ ו ז ט,
„וואָלט איך געהייסען דיך אויף גיך
„אַריבערקרויסקען זיך צוריק,
„און געהן מיט גליק
„אין דיינע סביבות . . .
„כ'האָב מורא אַז דיר פעהלט אַביסעלע עניוות . . .
„און אויף דיין פּעקעל פון דערהיים
„ניט לעג קיין גרויסע חשיבות,
„דען לאָמיך דיר פאַרטרויען אין געהיים
„אַז דער קלימאַט האָט היע אַ מאָדנע פּעולה,
„און די וואָס זיינען ד אָ ר ט געוועזען העלדען
„אָפט ווערען — מיט רעספּעקט צו מעלדען —
„אין גאַנצען דאָ מכולה."

דער סטרייק פון די היהנער

אַ ראַבע הוהן איז אויפגעשטאַנען
אײן מאָרגען אויף דער לינקער זייט,
און האָט אויף הויכע טענער
גענומען שרעקליך
פערדאַמען
די נידערטרעכטיגע טיראַנען
מיט רויטע קאַמען,
וואָס הערשעווען אַזוי פאַרשייט
און שטרענג
און פיקען אויף די בעסטע ברעקלעך
און לאָזען פאַר די הוהן אַ קרענק,
אַ חוץ דעם וואָס זיי זיינען ממש
פיעל ערגער נאָך ווי פּאָליגאַמיש...
און דאַ האָט זי דערצעהלט פאַרברעכען,
וואָס איך, דער פאַבעל־שרייבער, רעכען,
אַז ס'איז ניט נויטהיג אייך צו שילדערן...

איהר רעדע האָט געהאַט
דעם גיכען רעזולטאַט,
אַז אַלע אין קאַטוך
גענומען האָבען פילדערן: —

„ניטאָ קיין חילוק פון געשלעכט ! ”
„מיר ווילען העהנער־רעכט ! ”
און „ניעדער מיט דער מאַכט
פון זכר ” . . .
ס'איז זעלבסט פערשטענדליך,
אַז קיינע האָט ניט מעהר געמאַכט
דעם מינדעסטען פערזוך
צו לעגען אַ'ן איין־איינציג איי,
און בריהען איז ביי זיי
געוועזען לא יזכר . . .
און ענדליך
בעשלאָסען האָבען פעסט
די דאַמען פון דעם שטייג,
דעם האָהן צו שיקען אַ פּראָטעסט,
און צווינגען ער זאָל נאָכגעבען דעם סטרייק . . .

און צוויי באַיאָהרטע היהנער
געגאַנגען זיינען
אויף גאָט'ס באַראָט
זיך אויסצו'טענה'ן,
מיט קוקורעקו דעם „דעספּאָט”
דעם „עגאָאיסט” און „ניט־פאַרגינער”
(נאַטירליך האָט מען ניט פאַרגעסען
זיך קודם אויספּוצען קאָקעט,
און פיער מעת־לעת'ן
געאַרבייט האָט מען אויף דער טואַלעט)

דער האָהן האָט שעהן זיי אויפגענומען,

און צו דער עלטערער געזאָגט : — „מאַדאַם,
„אויב איהר ווילט זיין מיט אונז עגאַל,
„דאַן זאָל אייך וואויהל באַקומען,
„איך האָב נישט כלל
„דאַגעגען . . .
„די וועלט איז פאַר אונז אַלעמען געראַם.
„די היהנער מעגען
„פון מיינעטוועגען,
„זאָגאַר זיך צוקלעפּען אַ רויטע קאַם . . .
„דאָך מאַכט באַקאַנט צו אייערע פריינדינען,
„זיי זאָלען ניט באַגינען
„פאַרגעסען אויפשטעהן קרעהען,
„דען היהנער וואָס באַשטעהען
„אויף פּריווילעגיעם פון אַ האָהן,
„בעדאַרפען אויך זיין אַרבייט קענען טהאָן.„

דער ענדיק און דער קאַנאַרעק

א גרויסער פעטער ענדיק
וואָס איז געווען ניט מעהר פאַרשטענדיג
ווי אַלע פון זיין מין,
האָט איינמאָל אין
די טעג פון ניסן,
אין הויז אַרומגעשפּאַצירט
מיט גדלות, מעשה בעל־הבית,
און מיט דער מינע
פון אַ באַריהמטען ווירטואָז,
פון צייט צו צייט טראַקטירט
די הויז־לייט מיט זיין זיסען
און חנו'דיגען קול נגינה,
און מיט זיין „שטייגער" איינגעלעגט דעם דאַך...

און כאָטש זיין דרעהדלען אויף חזנ'יש,
איז פון האַרמאָניש
געוועזען אַזוי ווייט, ווי טאָג פון נאַכט —
געלאָזען האָט מען איהם געמאַך...
דען נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט
די שמאַליץ
וואָס ער וועט ברינגען,
איז אַלץ

וואָס ער פלעגט זינגען,
געווען ביי די בני־בית אָנגענומען,
און „האָלדער" איז געקומען
צום שלום,
אַז אין זיין שעהנער שטים,
אודאי מוז
געפינען זיך אַזוי־וואָס
וואָס גיט די צוהערער געגום,
און אַלע זיינען זיינע בעלי־חובות . . .

איהר קענט זיך מעלדען „שוין ממילא,
אַז ווען מע פלעגט איהם שטאָפּען
אין האַלז די טהייערסטע אכילה,
געוועזען איז ביי איהם
קיין טראָפּען
פון צווייפעל ניט אפילו,
אַז דאָס איז פאַר זיין כ ל י . . .

און איינמאָל נאָך אַ גרויסען פריהשטיק
געוואָרען איז דער ענדיק בגילופין,
און האָט צו טראַכטען אָנגעפאַנגען
אַז דער קאַנאַריק (וואָס האָט זיך בעגאַנגען
מיט קערענדלאך צוויי־דריי)
זעהט אוים משונה אָרעם
און נישטיג,
און אַז זיין גאַנצע טרילעריי,
שטעהט נידריגער אויף הונדערט שטופען,
פון יענעם „תרועה־שברים"

וואָס ער, דער ענדיק, לאָזט אַרוים,
פאַרהילכענדיג דאָס גאַנצע הויז . . .

דעם פויגעל האָט עס קוים געאַארט,
און ער האָט מיט אַ פייף,
דעם ענדיק אָפּגעסילוק'ט : —
„דו מעגסט זיך האַלטען שטייף,
„און פאַנעווען
„ווי לאַנג דער בעל־הבית בעוויליגט . . .
„דאָך וואָרט —
אַ טאָג פאַר פסח וועט ער קלאָר
„דיר ווייזען,
„פאַר וואָס ער פלעגט דיר שפּייזען,
„און פילעווען און שאַנעווען,
„פאַר דיין צובראָכענעם טענאָר,
„און דיינע „האָלדערשע" מאָטיוועז,
„צו בלויז פאַר דיינע גריווען...

דער לעקסיקאָן וואָס זידעלט זיך

אין אַלמער אויף דער זעלבער שורה
צונויפגעשטעלט געווען זיינען ספרים,
אין אויסזעהן און פאָרמאַט
פאַרשיעדען,
דער איינער רייך, דער צווייטער אָרעם,
דאָך לעבענדיג אין א י י ן חבורה
אין פריינדשאַפט און אין פרידען . . .
אַ לעדערנער אַריסטאָקראַט
פאַרפוצט מיט זילבער־העקלעך,
האָט אויף דער רעכטער האַנד
געהאַט
אַ בירגערליכען לייווענט־באַנד,
און אויף דער לינקער האָט אינטים
געטוליעט זיך צו איהם,
אַ פראַלעטאַריער גאָר אָהן דעקלעך . . .
און איינער וואָס האָט אויסגעזעהן מסוכן,
און קרוע־בלוע אָרום ראַנד,
(דאָך פול מיט אינהאַלט און טאַלאַנט)
האָט אָנגעלעהנט זיך אָן אַ גאָלד'נעם רוקען . . .

און כאָטש די שאַפע איז געווען אַ'ן ענגע,
און קוים פאַר אַלעמען גענוג,

געשטאַנען איז מען רוהיג אין שערענגע
און ניט געמאַכט קיין קריעג.
מע פלעגט זיך טהאָן אביסעלע אַ רוק,
אַ קאַפּעלע אַ דריק,
און מ׳האָט זיך אויסגעמיטעלט שטילערהייד,
אַבי ניט מאַכען קיין גערייד . . .

נאָר איינער צווישען זיי —
אַ גראָבער לעקסיקאָן,
וואָס האָט מעהר פּלאַץ פאַרנומען,
ווי אַ מזומן
פון בייכיגע מחברים,
און איז געשטאַנען אויבען־אָן,
אַלס ראש המדברים —
געהאַלטען האָט אין איין געשריי,
אַז ער ווערט קראַנק
פון דעם געדראַנג,
און קען זיין אָטהעם כאַפּען קוים . . .

און איינמאָל ביי דער נאַכט,
האָט ער געמאַכט
אַ „ויצעקו",
אַז איינער פון די „עלענדע פּאָעטען",
צי פון די „מיזעראַבלע פילאָזאָפען"
וואָס נעהמען צו אומזיסטען רוים.
האָט כלומרשט אָפּגעטרעטען
זיין לינקע פוס ווען ער איז איינגעשלאָפען . . .
און זייענדיג אַלס ווערטערבוך אַ בקי,

אין נעמען און אין צונעמען אָהן צאָהל,
געגומען האָט ער אויפ'ן קול,
זיך זידלען ווי אַ רוסישער פעלדפעבעל,
און מאַכען עפר־ואפר,
פון יעדען ספר
און יעדען טאָם,
ביז ער האָט אַ לאַ סדום,
געגאַסען מיט אַ שטראָם
פון פעך און שוועבעל,
אויף אַלע שריפטשטעלער אין איינעם . . .

די שכנים
געוואָרען זיינען אָנגעפילט מיט פחדים,
און האָבען שווייגענדיג געוואַרט,
דער וואָרט־וואולקאַן זאָל ווערען צוגעשפּאַרט . . .
ביז זיי געטרייסט האָט אַ געלעהרטער
אין לייוועגטענע בגדים: —
„איהר שרעקט זיך ניט . . . די איינצ'גע זאַך
„וואָס ער פאַרמאָגט איז ש פּ ר אַ ך . . .
„און ער באַשימפּפט אייך סתם
„כדי צו קענען אויסגיסען זיין ים
„פון פוסטע ווערטער . . . "

דער פרומער סאָסנע־צווייג

אַמאָל אין אַ פּאָר־סכות נאַכט, אין וואַלד
ווען די לבנה האָט געשטראַהלט
האָט איינער פון די סאָסנע־צווייגען,
גענומען זיינע שכנים איבערצייגען,
אַז ס׳איז ניטאָ אַ שענ׳רע זאַך
ווי, ווערען אָפּגעהאַקט אויף סכך . . .
און ער האָט מיט מליצה־שפּראַך,
געמאָלט
די שמחה וואָס ער וואָלט
אַרויסגעוויזען,
ווען ער וואָלט פון דער סוכה׳ס דאַך
געהערט,
ווי אונטען זינגט מען די „אושפּיזין",
און וואָלט געזעהן דאָס שעהנע בילד
פון פרומע אידישע געזיכטער,
מיט ביבליש־לאַנגע בערד . . .
(דאָ האָט זיך, ווי ביי אַלע גרינע דיכטער,
זיין איינבילדונג אַזוי צושפּיעלט,
אַז ער האָט פון התפּעלות אַזש געקנאַקט
און זיך פאַרהאַקט . . .)

דער סאָסנע־שטאַם וואָס פלעגט ניט רעדען גערען,
און פלעגט געוועהנליך איבערלאָזען
דאָס פלוידערען צו בלעטער און צו גראָזען,
האָט ניט געקענט איהם לענגער הערען,
און איהם געזאָגט מיט צאָרן: —
„כמדומה לי, אַז פאַר־אַ־יאָהרען,
האָסט דו אונז אַלעמען ערקלערט,
„אַז ווייהנאַכט איז אַ יום טוב אַ'ן אַנטיק,
„און דו וואָלסט עס געהאַלטען פאַר אַ גליק,
„ווען דיר זאָל זיין בעשעערט
אַ ווייהנאַכט־בוים צו ווערען . . .
„דו אָבער קענסט אונז מעהר ניט נאַררען,
„מיר ווייסען דיינע שטוקעס,
„דיך אַארען,
„ניט ווייהנאַכט און ניט סכות
„דיין גאַנצער קוק איז,
„צו שפּיעלען ערגעץ וואו אַ גרענדע
„און אין די אויגען זיך צו וואַרפען,
„און ווען דו זעהסט אַז סכות איז צו ענדע
„און אידען וועלען דיך ניט דאַרפען,
„איז רעכט ביי דיר דעם יוזל דינען,
„אַבי מען זאָל דיך נאָר באַמערקען . . .
„ווער ווייסט צו דו ועסט ניט אַמאָל געפינען
„אַנייעם אויפטהו ערגעץ וואו ביי טערקען ? — ”

דער גאָלדענער חנוכה-לאָמפּ און די קנײטלעך

א גאָלד־לאָמפּ װעלכער איז
געװיס
(לויט זיין געוויכט)
געוועזען ווערט אַ קאַפּיטאַל,
און אָנגעפּילט מיט שמן־זית
געשטאַנען איז אום חנוכה אין זאַאַל,
אַרומגערינגעלט פון בני־בית,
און האָט געפלאַקערט מיט אַ העלען ליכט . . .

דעם לאָמפּ'ס געזיכט
האָט זיך פון נחת אַזש געשמאָלצען,
און ער האָט מיט אַ טאָן אַ שטאָלצען,
נגידיש־ברייטלאַך,
געווענדט זיך צו די קנייטלאַך: —

„אַ נו קבצנים,
„עס לוינט זיך דאָך הפּנים,
„צו שאַרען זיך אַרום אַ קצין
„(איהר דאַרפט ניט אַזוי חוצפה'דיג מיר גלאָצען)
„דען בלויז דורך מיר געוואָרען זייט
„איהר לייט,

„און ווען איהר וואָלט
„געוועזען אין אַ לאָמפּ פון צין שטאָט גאָלד,
„וואָס פאַר אַ חן וואָלט איהר געהאַט ?
אַ חוץ דעם גלאַט
„באַדאַרפט איהר בענשען גומל,
„וואָס איהר זייט לויז
„פון רויך און פון געשטאַנקען,
„און מ י י ן זכות בלויז
„האָט איהר דאָס שמעקעדיגע בוימעל,
„און אייער שעהנע פלאַם צו דאַנקען . . . "

„די קנייטלאַך, שטאַרק געקרענקט פון די קאַפּוירע
און חוצפה'דיגע רייד,
געוועזען זיינען לכתחילה גרייט,
צו מאַכען פון דעם גביר אַ תל,
נאָר, ווי דער שטייגער, האָט די מורא
זיי צוגעדריקט די קעהל . . .

דער „שמש" אָבער האָט דעם גאָלדענעם באַיבאַק,
דערלאַנגט אַ פּסק : —
„בלויז דאָ ביי אייך,
„בעדאַרף מען גאָלד צו ווערען
„מיט לייטען גלייך . . .
„אין יענע ערטער,
„וואו מען באַגנוגענט זיך מיט צין,
„איז אונזער מין,
„געליעבטער און געעהרטער
„ווי דו, מיט דיינע רייכע רעהרען . . .

„און ווען עס איז אין אויל אַ דוחק,
„איז רעכט מיט קעראָסין . . .
„זאָל זיין אַ ביסעל רויכיג,
„דאָך קנויט בלייבט קנויט,
„און לייכט אפילו אין דער נויט . . .
„דו אָבער טאַקי
„מעגסט ווערט זיין שווערע מזומנים,
„דאָך ווען ניט מ י ר דלפנים,
„וואָס זיינען דיך מיט אונזער שיין מזכה,
„ביי ליכטלעך־בענשען,
„וואָלסט דו אַצונד אין שראַנק געוועזען,
„צווישען די געשיר
„און קיינער וואָלט ניט אַזאַ וועזען
„געמאַכט פון דיר,
„און דיך אַרויסגעבראַכט פאַר מענשען . . .״

דאָס פּובליקום, וואָס האָט זיך זעהר אַמוזירט,
האָט הערצליך אַפּלאָדירט,
און האָט דעם לייב און זיינע אַסיסטענטען,
געמאַכט די שעהנסטע קאָמפּלימענטען,
פאַר זייער כלל־געפיהל און טהועריי . . .
און קיינעם האָט ניט מעהר געאַרט,
וואָס ערגעץ אין דער וויסטעניי
פון הונגער ווערט מען אויסגעדאַרט . . .

און אומר ועושה . . .
(מיר איז ניט קלאָר באַוואוסט
דורך וועלכען שפּיצעל)
האָט ערגעץ וואו דאָס פּיצעל
אַ פונק בעקומען.
און כאָטש עס איז געוועזען שפּעט,
איז ער געווען זיין אייגענער שטאָפּעט,
און האָט געטאַנצט פון קוסט צו קוסט,
פון בלאָט צו בלעטעל,
און וואו ער האָט געטראָפען,
אַ זשוק
וואָס האָט נאָך ניט געשלאָפען —
אַ מידע מוק
וואָס האָט געזוכט מנוחה
אין בעכער פון אַ מאָהן,
צי ערגעץ וואו אַ פרומע פליעג
וואָס האָט געמורמעלט שלעפעריג:
„בידך אפקיד רוחי" —
געוואוסט האָט יעדער באַלד פון דעם סעקרעט,
אַז ער איז פון היינט אָן
מיט מזל, אַ ק אָ מ ע ט . . .

דאָס פּובליקום,
האַלב וואַך און האַלב אין דרימעל,
האָט הארציג גראַטולירט.
און משה־רבינו'ס קיהעלע —
(אַ שטיל נאַאיווע בריאה'לע)
האָט צוגעבענשט אַז אין אַ יאָהר אַרום,

דערלעבען זאָל ער זיין אַ זונן....

און אונזער וואָרעם איז דערפון
גענוואָרען שטאַרק גערייהרט,
דערביי האָט ער געוואָרפען בליקען
צום הימעל,
ערוואַרטענדיג די שטערען זאָלען שיקען
צו איהם אַ קאָמיטעט,
מיט אַ געבעט :
ער זאָל זיי ניט פאַרשעהמען,
און קומען אַזוי גוט זיין נעהמען
זיין פּלאַץ אין ד'הייכע קרייזען,
ניט ווייט פון דעם אוראַנוס...

דער קאָמיטעט איז ניט ערשיענען,
דאָך אין דעם וואָרעם'ס זינען
קיין ספק ניט פאַראַן איז
אַז פריהער־שפּעטער
וועט פון די שטערען אַ פאַרטרעטער
זיך מיט דער אײנלאַדונג באַווייזען....

דער מאַן מיט די צוויי ווייבער

(פון תלמוד).

אין יעמען,
וואו יעדער מאַן קען זיך פאַרגינען
צו נעהמען
צוויי ווייבער אָדער מעהר,
און דאַרף דערצו ניט זיין קיין מיליאָנער
(איהר קענט די שעהנע זיטע, • •
עד היום נאָך געפינען
אין „סאָלט לעיק סיטי" . . .) *
געוועזען איז אַמאָל אַ מאַן,
אַ בן־ארבעים אונגעפעהר,
וואָס האָט געהייראַטה א געשפאַן
פון צוויי עקסטרעמען :
איין פרוי געוועזען איז אַ שעהנע
ביי וועמען

---

*) די הויפּט־שטאָדט פון דעם נאָרד אמעריקאנישען שטאַאט יוטהאָ וואו עס געפינען זיך די מאָרמאָנען וועלכע ער־לויבען פיעל־ווייבעריי.

עס זיינען זעכצעהן פריהלינגס אויפ'ן פּנים
געלעגען ;
די צווייטע איז געווען אַ זקנה
(דערפאַר האָט זי געהאַט אַ גרויס פאַרמעגען)

און יעדע פון דעם פּאָאַר
געוועזען איז מיט ליעבשאַפט צוגעטהאַן איהם,
און האָט ממילא איהם געזוכט צו מאַכען,
וואָס עהנליכער צו זיך אין אַלע זאַכען,
און צוליעב דעם,
גענעבען האָבען ביידע זיך אַ נעהם
מיט ענערגיע צו זיינע האָאַר . . .

די יונגע האָט געשמאַכט
צו האָבען-פּאַר אַ מאַן, אַ פּראַנט
מיט לאָקען שוואַרצע ווי די נאַכט,
און האָט מיט-גרויס הנאה,
די גראָהע
בית־עולם־בלעטלאַך מיט דער האַנד
טאָג־טעגליך פון זיין קאָפּ געפליקט . . .

די אַלטע, וואָס האָט פאַנטאַזירט
צו זיין דער זיווג פון אַ גרייז
מיט ווייסע האָאַר בעציערט,
האָט איינציגווייז,
די שוואַרצע פעדעמלאַך געצוויקט . . .

דער טרייער מאַן פלעגט נעביך וועלען,

דיביידע פלונית׳טעם געפעלען,
און ער האָט גיך
בעצאָהלט אַ שווערען פרייז
פאַר זיין גוט־האַרץ:
זיין קאָפּ איז ניט געוועזען ווייס
און ניט געוועזען שוואַרץ,
נאָר גלאַט אַ גרויסער פליך . . .

דער שטרויס־פויגעל

א שטרויספויגעל וואָס האָט זיין גאַנצעס לעבען,
קיין מוטער־מענשען ניט געגעבען
די מעגליכקייט צו פליקען
אַ'ן איינציג פעדער'ל פון איהם,
אַוואו ער זאָל ניט בריקען,
און גרילצען אויף זיין בייזער שטים,
אַז דאַרמאָיעדניקעס ראַבירען
זיין האָב און גוטס איהם —
האָט אויף דער עלטער פלוצים
געביטען די מאַנירען . . .

ער פלעגט בעוועגען אַזוי נאָבעל,
זיין גרויסען שנאָבעל
און שאָקלען אַזוי גרויסמוטהיג דעם קאָפּ,
אַז איהר האָט גלייך דערקענט דעם גביר
וואָס האַלט זיך בלויז פאַר „גאָט'ס קאַסיר",
דאָס הייסט, אַ פילאַנטראָפּ.
און ווען ער פלעגט טרעפען,
באַלד פלעגט ער טהאָן זיין מויל אַ'ן עפען,
און מיט דעם זיסען טאָן פון בת־היענה
דערלאַנגען אייך אַזאַ מין טענה : —

„דער צוועק פון יעדען עוף און יעדען טהיער,
„איז בלויז אַן אַנדערע צו דענקען.
„אַט זאָלען זיי זיך אָפּלערנען פון מיר —
„איך פלעג מיין אייגעטהום צושענקען
„מיט אמת'ע נדבנות,
„דען פון מיין קינדהייט אָן איז
„געווען מיין אידעאַל,
„צו לעבען פאַר'ן כלל,
„און געבען איטליכען מיט פרייד" . . .

און רעדענדיג אַזאַ מין שפּראַך,
(ער פלעגט דאַביי ניט טהאָן צומאָל אַ לאַך)
פלעגט ער פון זיך אַזוי באַגייסטערט ווערען,
אַז גאָר אַ סך,
פון די וואָס פלעגען הערען,
געוועזען זיינען גרייט,
צו שווערען
אַז ער פאַרדיענט אַ מאָנומענט . . .

האָט איהר אַזעלכען ניט געקענט ? . . .

דער מיוחס'דיגער הונד און דער האָהן

אַ הונד אַ יחסן וועלכער האָט געקענט
באַווייזען מיט אַ דאָקומענט,
אַז ער שטאַמט אָפּ פון גדולים־הינט,
(אַ סברא אַז זיין יחוס האָט זיך אַזש געשפינט
פון יענע כלבים פול מיט טאַקט
וואָס האָבען ניט געטהאָן אַ ביל אַפילו,
ווען ד'ערשטע אידישע קהלה
פון גושן איז אַרויס, מיט גאָלד באַפּאַקט) —
געהאַווקעט האָט מיט כעס
צום הונד פון גאַס,
אַ פּראָלעטאַריער, וואָס האָט איהם געפרעגט
מיט קאַמעראַדשאַפט, ווי איהם געהט,
(אויף הינטיש הייסט עס, איהם אַרומגעשמעקט
און מיט'ן ווײדעל שטאַרק געדרעהט) : —
„ווער ביזטו, דו פּאַסקודנער שרץ ?
„ווער איז געוועז דיין מאַמע ?
„אַ צויג פון מאַרק מסתמא . . .
„און ווער דיין טאַטע ?
„געוויס אַ שמאַטע
„אַזוי ווי דו, אָהן דרך ארץ,
„און אָהן אַ שום מאַניער,

„אַ שלעפּער וועלכער געהט אויף אַלע פיער . . .
„אַט זעהסטו, איך
„קען אָנרופען אויף גיך
„דעם נאָמען פון מיין זיידען,
„אַ גרויסער סאַן־בערנאַרד,
„(זאָל רוהען ער אין הינטישען גן עדן)
„און ווילסטו נאָך ? אַט וואָרט,
„איך וועל דיר אויסרעכנען אַ קייט
„פון יחוס, וואָס זיך שפּרייט
„ביז דורות אָהן אַ שיעור . . .
„דו אָבער, כאָטש פּרוביר
„מיר זאָגען ווי עס ה י י ס ט דיין פאָטער,
„איז ער אַ פּודעל צי אַ כארט ?
„און ווער קען וויסען דאָרט,
„ס'איז מעגליך אַז ער איז אַ קאָטער".

דער גאַס־הונד האָט דעם עק פארדריקט
און ניט געוואוסט וואָס אָפּצובילען,
ווי יענער דיכטער זאָגט, „זיך שטיל געשטיקט
„מיט מאַכטלאָזע געפיהלען,"
ווען פלוצלינג איז פון הויף געקומען
אַ האָהן, און האָט גענומען,
ניט בעטענדיג, דאָס וואָרט : —
„איהרביידע שפּאָרט,
„„זיך קריגען וועלכער פון אייך צווייען,
„פון פיינערער משפחה איז געבאָרען,
„פון מיינעטוועגען מעגט איהר שטאַמען פון ניט גוטען,
„אַט דאַנקען גאָט בין איך געוואָרען,

„אַ האָהן, אויף אַלע העהנער נאָר געזאָגט —
„אַ׳ן אמת׳ער קאַרוזאָ*) ווען עס קומט צו קרעהען —
„און האָב לחלוטין
„קיין טאַטען און קיין מאַמע ניט פאַרמאָגט,
„גאָר פשוט, ווייל איך בין
„געבאָרען פון — אַ ב ר י ה ־ מ אַ ש י ן . . .״

*) אַ בעריהמטער איטאַליענעשער טענאָר.

די וועווערקע און דער זינג־פויגעל

איין ווינטער אין אַ גרויסען פראָסט,
ווען ס׳האָט אַ בייזער ווינד געבלאָזט,
איז אויף די הינטערפיסלעך,
אַ וועווערקע ביי זיך אין בוים געזעסען,
און האָט געקנאַקט אַ הויפען ניסלעך,
און מיט אַ גרויסען אַפּעטיט
געגעסען . . .
ווען אין דער מיט
פון איהר געשמאַקען קייען,
שפּרינגט צו אַ פויגעל, טרייסלענדיג פון קעלט
און זאָגט צו איהר מיט טהרערען : —
„איהר מוזט פאַרצייהען
„וואָס איך וועל אייער סעודה שטערען . . .
„איך וואָלט אייך בלויז געוועלט
„אַ פרעג טהאָן, אויב איהר קענט מיר באָרגען,
„אַ יאָדרע אָדער צוויי
„ביז מאָרגען אָדער איבערמאָרגען . . .
„שוין א מעת־לעת ווי כ׳זוך **אין שנעע**,
און קען צומאָל אַ קערען ניט געפינען . . .

די וועווערקע געוואָרען איז נערוועז . . .

(עס איז אַ נס
וואָס ז'האָט זיך מיט'ן ביסען ניט דערוואָרגען)
און האָט גענומען שרייען
ווי אויסען זינען : —
„אַוועק דו פרעכער פויגעל
„און לאָז מיין פראַצע מיר אין רוה פאַרדייהען . . .
„אַ גאַנצען זומער האָט מיין אויגעל
„אין אַלע ווינקעלעך געשפּיאָנט,
„און ווען איך האָב געקאָנט
„אַ ניסעל ערגעץ־וואו דערטאַפּען,
„פלעג איך עס תיכף כאַפּען
„און רק איך האָב ג ע ז א מ ע ל ט און ג ע ז א מ ע ל ט...
„וואו האָסטו ד אַ ן ,
„דו קליינער שאַרלאַטאַן,
„דיין צייט פאַרבראַכט ?
„אוודאי אומגעפלויגען שלינג און שלאַנג ?"

דער פויגעל פון ניט עסען אָבגעשוואַכט,
האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט : —
„איך האָב געזוכט מיט מיין געזאַנג,
„דעם גאַנצען וואַלד צו געבען פאַרגעניגען,
„און קיינמאַל ניט קיין צייט געקריגען,
„צו געבען וועגען ז י ך אַ טראַכט . . . "

דער טעלעגראַף־סלופּ און דער עירוב

אין אַ קליינשטעדטעלע אַ פרומען,
צוריק מיט יאָהרען לאַנג,
איז דורך אַ טראַף
גראַד אויסגעקומען,
אַ סלופּ פון טעלעגראַף,
צו האָבען פאַר אַ קאָמפּאַניאָן,
אַ'ן אַלטען עירוב־שטאַנג . . .
און פריינד דעפּעשניק, דער געשייטער,
האָט שנעל געכאַפּט די סטרונע
פון זיין נאַאיווער שכונה,
און טאָג און נאַכט געקלאַפּט, פון „טראַדיציאָן"
און פון דעם עירוב'ס „הייליגער מיסיאָן"
און אַזוי ווייטער, אַזוי ווייטער.

און א י י ן מאָל האָט ער פאַר זיין שכן
מיט היץ זיך אויסגעשפּראָכען,
אַז ער אַליין איז ע י ר ו ב דורך און דורך,
נאָר וויסענשאַפטליך רעפאָרמירט,
דאָס הייסט, אַ'ן עירוב וועלכער שפּירט
דעם שטורך
פון „פּראָגרעסיווען לעבען",

און תיכף האָט ער אָנגעהויבען געבען
א גאַנצע רייה פון איבערזיכטען
מכח „אונז'רע" פליכטען,
און מיט דעם אָנשטעל פון אַ קענער
און מומחה אין אַזוינע שטודיען,
גענומען האָט ער נודיען
מיט זיינע שפּאָגעל־נייע פּלענער,
און רק האָט ער געפּריידיגט . . .

די חוצפּה פון דעם יונגען גר,
האָט טאָג פאַר טאָג אַלץ מעהר
זיין צוהערער בעליידיגט,
ביז ער האָט דעם מאָדערנעם קלאָץ,
געענטפערט איינמאָל מיט אַ שטאָך : —
„מיין ליבער פריינד פון האָצע פּלאָץ
„(צי וויים דער גוטער יאָהר פון וואַנען)
„איך בין שוין דורות דאָ פאַראַנען,
„און דו, ניט לענגער ווי אַ וואָך,
„און דאָך
„שוין ווילסטו געבען מיר לעקציאָנען . . .
„דאָך לאָמיר דיר דערמאָנען
„אַז כאָטש דו האָסט געכאַפּט דעם שניט,
„ביסט דו נאָך אַלץ קיין עירוב ניט,
„און ביסט לחלוטין
„מיט מיר ניט קיין מחותן . . .

א הונד בלייבט א הונד

(נאָך לאַפאָנטען).

אַ הונד וואָס איז געווען אַזוי דרעסירט,
אַז ער פלעגט פאַר זיין ווירטה
גאַנץ אָפט אין שליחות געהן
אַליין,
געטראָגען האָט אַמאָל פון קצב,
אַ קאָרב מיט פלייש בעלאָדען,
אין זיינע צייהן . . .
און כאָטש דער קיצעלדיגער ריח
פון גוטע שפייז, האָט דעם פקח
געיאָגט אין נאָז,
און פון זיין אַפעטיט דער מצב,
געוועזען איז, אַ חוץ זיין שאָדען,
הלואי געזאָגט אויף יעדען קראַנקען —
האָט ער בעצוואונגען
דעם מינדעסטען געדאַנקען,
צו פעלשען אָן זיין בעל־הבית.
ווען פלוצלינג . . . פון אַ פלאַנקען,
איז אַ געזעמעל הינד אַרויסגעשפרונגען
און טוז !
געלאָזט זיך צו דעם פעטען ביסען . . .

דער שליח מיט'ן עהרליכען געוויסען,
באשלאסען האט באדאי
ער מוז
דא אויפ'ן שטעל קראפירען,
וועט ער דאס פלייש ניט לאזען ריהרען...
און ער האט טריי,
און ווי א'ן עכטער ריטער,
א שטונדע נאכאנאנד
געפאכטען ביטער,
אום אפצושטויסען די אטאקע
פון בעל־הבית'. פראוויאנט...

דאך וואס קען אויפטהאן איינער
(זאגאר דער בראווסטער גבור)
ווען איהם בעפאלט אזא געמיינער
און אנגעשלעפטער צבור?
און אויסגעלאזען האט זיך טאקי,
אז אונזער העלד האט צוקוקען געמוזט
מיט פייכטע ליפען,
ווי די גנבים כאפען די געשמאקע
און פעטע ריפען
און עסען אויף די בעסטע שטיקלעך ברוסט...

א ווײלע איז דער קלוגער הונד
געשטאנען און ניט קלאר געוואוסט,
וואס אייגענטליך ער האט צו טהאן אצונד,
און דאן... האט ער דערמאהנט זיך אהן זיין ש ל ו נ ד
און האט אליין אריינגעשלונגען,
וויפיעל איהם איז אריינכאפען געלונגען...

די זעקס בלינדע און דער עלעפאנט

(פריי פון זאקס).

זעקס לייט פון וויימען הינדו־לאַנד,
וואָס פלעגען זיך אויף אַלצדינג קליגען,
אַמאָל גע'חלש'ט האָבען קריגען
אַ ריכטיג בילד פון עלעפאַנט,
און זיינען איהם געגאַנגען ז ע ה ן,
כאָטש אַלע זיינען בלינד געווען...

דער ערשטער האָט זיך אָנגעשלאָגען
אָן פעסטען רוקען פון דער חיה,
און באַלד האָט ער פאַר דער חבריא,
זיין מיינונג שטאָלץ אַרויסגעטראָגען: —
„דער ענין איז מיר איצט באַקאַנט,
„אַ'ן עלעפאַנט איז ווי אַ ו ו אַ נ ד..."

דער צווייטער האָט אַ טאַפּ געטהאָן
דעם רונדען און פּאָלירטען צאָהן,
און פיהלענדיג דעם שמאָלען שפּיץ,
האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט היץ: —
„די זאַך, רבותי, איז געוויס,
„אַ'ן עלעפאַנט איז ווי אַ ש פּ י ע ז..."

דער דריטער האָט געכאַפּט די מאָס,
פון דער צונויפגעדרעהטער נאָז,
און גאָר ניט קלערענדיג אַ סך,
אַרויסגעזאָגט מיט קלאָרער שפּראַך : —
„ניטאָ זיך וואָס צו גריבלען לאַנג,
„אַ'ן עלעפאַנט איז ווי אַ ש ל אַ נ ג . . . "

דער פיערטער פון די פילאָזאָפען,
האָט גראַדע אָנגעטראָפען
אַ'ן אומגעלומפּערט גראָבע קני,
און האָט ערקלערט מיט ענערגי : —
„איהר זייט, במחילה, אַלע טעמפּ,
„אַ'ן עלעפאַנט איז ווי אַ ד ע מ ב . . . "

דער פינפטער וועלכער האָט דעם בוי
פון על'פאַנט'ס אויער אונטערזוכט,
און אויסגעפונען אַלץ גענוי,
געשריען האָט מיט כעס : „מיר דוכט
„ס'קען זעהן דער בלינדסטער צווישען אייך,
„אַז ע ר איז צו אַ פ אָ כ ע ר גלייך . . . "

דער זעקסטער האָט עקזאַמינירט
דעם כפול־שמונה'דיגען עק,
און האָט גע'פסק'עט אויפ'ן פלעק : —
„אַ שאָד די צייט וואָס איהר פאַרלירט,
„מע ז ע ה ט עס דאָך ביים ערשטען ב ל י ק —
„אַ'ן עלעפאַנט איז ווי אַ ש ט ר י ק . . . "

און ביי די הינדוסטאַנער לייט
געוואָרען איז אַ וואָרט־געפּעכט . . .
און יעדער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט,
אַז ער בלויז ווייס די ריכטיגקייט,
כאָטש טהיילווייז איטליכער גערעכט,
און אַלע זעקס צוגלייך פאַרנאַרט . . .

אין אסיפה ביי די חיות

א גרופע פראָמינענטע טהיערען
באַשלאָסען האָבען זיך אָרגאַניזירען,
אום אויפצוהויבען דעם מאָראַל,
פון אַלע חיות איבעראַל,
און איבער פעלד און טייך
איז אויסגעשיקט געוואָרען גלייך
א צירקולאַר :

„געעהרטער הארר,
„וואו איהר זייט,
„אין שפּיץ פון פעלז צי אין א גרוב,
„אין וואַסער צי אין וואַלד פאַרבאָרגען,
„פאַרפעהלט ניט קומען אין דער צייט,
„אין אָבענד אַכט א זייגער מאָרגען,
„זיך אָנצושליסען אונזער קלוב . . . ״
געצייכענט : „אייער איבערגעב׳נער שקלאַף,
„דער סעקרעטאַר, זשיראַף.״
און זשוק און זשאַבע, קעץ און הינד,
און וועווערקעס און קראָליקעס און מייז,
און קליינע העהנדלאַך ערשט פון איי,
און פליעגען און אינזעקטען אַלערליי,
און נאָך אַזעלכע וואַזשנע ברואים,
אַוועקגעלאָזען האָבען זיך געשווינד,

פון אַלע לעבער און פון אַלע נעסטען,
און קומענדיג פאַר אַלע אַנד׳רע קרואים,
געזומען תכף אויפשטעלען אַ רייהע
פון פאַדערונגען און פראָטעסטען . . .
א טהייל האָט אויפגעהויבען אַ געוואַלד :
זיי ווילען קודם כל,
אַז איינם פאַר אַלע מאָל
זאָל האָבען איטליכער פון זיי אַ דעה
ווי אַלע גדולים פונ׳ם וואַלד . . .
אַ צווייטער טהייל (נאָך כבוד מינדער להוט)
האָט פראָסט געוואָיעט,
פערלאַנגענדיג צו וויסען :
אויב ס׳וועט דער קלוב באַשליסען
צו געבען איטליכען געהאַלט,
און אויף דער עלטער — פענסיעס . . .
דער רעשט האָט גלאַט געהאַט פרעטענסיעס
פאַר וואָס מע גיט ניט עפּעס צו געניסען . . .

דער כלל,
עס איז אין זאַאל
געוואָרען אַזאַ בילען,
אַ מיאַוקען און אַ קוויטשען,
אַ סווישטשען און אַ קריטשען,
אַ קייכען און אַ פרייכען,
אַ שיפען און אַ זשומען,
אַז די וואָס זיינען דאָרט געקומען
מיט אמת־נאָבעלע געפיהלען,
געמוזט ממילא האָבען ווייכען . . .

די הוהן, די קוה און דער שטאל-קנעכט

(פריי פון ענגליש)

אַ הוהן האָט אויף איהר שפּראַך
אַזוי בעקלאָגט זיך פאַר דער קוה: —
„עס איז אַ שאַנדע און אַ שמאַך,
„ווי קאַרג און ווינציג
„איך קריג בּאַצאָהלט פאַר וואָס איך טהו.
„איך, טפשה־הוהן, בין גינציג
„און אַרבּייט, און שטעל צו
„אַ רונדע איי אַ טאָג,
„און וואָס קריג איך? — אַ קלאָג
„צו מיינע יאָהרען...
„אַ הייפּעל קאָרען,
„אַ ביסעל איינגעווייקטע קוואַטש...
„און ער, דער פודעל, דער יונגאַטש,
„וואָס האָט נאָך ניט קיין איינציג מאָל
„געלעגט אַ'ן איי, זאָגאַר
„ווען אייער זיינען אויפ'ן לויטה,
„ער לעבט אין וואוילטאָג ווי אַ האַרר
„און איז דער כל־זוכל,
„בּאַליעבט פון קינד און קויטה..."

די קוה האָט (מעלה־גרה׳נדיג איהר עסען)
גענטפערט אויף איהר לשון : —
„געפעלט אייך די פרינצעסין ? . . .
„מישטיינס געזאָגט, ווער ביסטו ? . . .
„דו פיקערקע אומזיסטע,
„דיין גאַנצע פראַצע איז בלויז ווערטה אַ גראָשען.
„אַט זעהסטו, א י ך , וואָס גיב מיין ווירטה׳ס משפחה,
„טאָג־טעגליך עמערם מילך געשמאַקע,
„וואָלט מיט אַ׳ן אמת טאַקי
„געמעגט באַקלאָגען מיין מערכה . . .
„אַ וועטהאָג מיינע הערנער,
„מיר גיט מען האָבער־קערנער,
„און האַלט אין שטאַל און פאַרטיג,
„און איהם, דעם תכשיט, כ׳מיין דעם פאַפּאַגאַי,
„די וואָליע שטאָפּט מען אָן מיט נאַשעריי,
„און פיטערט איהם גרויסאַרטיג . . .
„און פרעג : — וואָס האָט דער פוסטער פּראַנט
„געטהאָן — חוץ עסען פון דער האַנד ? . . .״

דער שטאַל־קנעכט האָט געהערט זיי ריידען,
און שאַרף גענטפערט ביידען : —
„איהר קריגט פיעל איהר זייט ווערטה.
„אַ פודעל — קען זיך קוליען אויף דער ערד,
„און מאַכען קונציגע העויות,
דער קלוגער פאַפּאַגאַי איז
„אַ קינסטלער נאָכצוריידען וואָס ער הערט ;
„היינט זידעלט ער און שילט.
„און דאָס, פאַרשטעהט איהר, גילט . . .

„איהר ברענגט אַ נוץ, גיט מילך און אייער —
„ס'איז טאַקי זעהר ריכטיג,
„מע דאַרף אייך נויטהיג, אָבער זייער
„פּאַרדיענסט איז פיעל מעהר וויכטיג...
„איהר זייט פון פּראָסטען שניט... דאָס הייסט,
„אַז אַלצדינג וואָס איהר ווייסט
„איז אַרבייטען און טהאָן,
„און פּראָדוצירען און זיך געבען מיה,
„דאָך י ע נ ע פּראָפעסיאָן
„דאָס, שוועסטערקעס, איז קונסט און פּאָעזי... "

דאס פּרעירי־הינטעל, די שלאַנג און די סאָווע

אין קאָלאָראַדאָ הערט מען אָפט דערצעהלען,
אַז אויף דער פּרעירי אין די קליינע הייהלען,
געוואוינליך וואוינען
אין איין געזינטעל,
די פאָלגענדע פּאַרשוינען:
אַ פּרעירי־הינטעל
(אַ קליינער נפש עהנליך צו אַ ראַץ),
אַ קלאַפּער־שלאַנג געפילט מיט גיפט,
דערצו אַ גראָע סאָווע . . .

אין יענעם שעהנעם פּלאַץ,
זיצט אָפּ דער דרייבונד גאַנצע נעכט,
אין גרויסע שמועסן פאַרטיפט,
און לאַנד און לייט מיט גרוים הרחבה,
באַאורטהיילט און באַשפּרעכט . . .
און ווען אפילו די מחשבה
פון איינעם,
איז פון דעם אַנדערענ'ס, אין אַלגעמיינעם,
פאַרשיעדען —
פאַראַן איז צווישען זיי אַ „צד־השוה" :

זיי זיינען אַלע אונצופריעדען,
און טענה'ן אַז די וועלט איז שלעכט,
און אַלץ וואָס איז פאַראַנען אויף דער ערד
לחלוטין איז ניט ווערטה
אַ שישקע,
אַ חוץ, פיעלייכט, צו פילען זייער קישקע . . .

די סאָווע קריטיקירט
דעם נאַכטיגאַל'ס געדיכט,
און זאָגט : דער וואַלד וואָס אַפּלאָדירט,
אַזאַ מין זינגען איז מגושם . . .
דען אויף דער ערשטער ליניע
דאַרף שטעהן די סאָווע מיט איהר ג ר ו י ס ע ן בליק
און שאַרפען פיק . . .
דערביי פאַרקרימט זי איהר געזיכט,
און מאַכט אַ האַמלעט־מינע,
וואָס שפּאָרט שוין וויטערע פירושים . . .

די שלאַנג זיך דרעהט צוזאַמען אין אַ קנויל,
און גיפטיגט מיט'ן מויל . . .
די עופות
וואָס פליהען אין די הויכע שיכטען,
איז זי בכלל ניט תופס . . .
דאָך וואָלט זי אַלע בעלי־חיים,
אָהן אונטערשייד פאַרניכטען
ניט לאָזענדיג אפילו קיין שיריים . . .
און ענטוועדער זי קללה'ט, אָדער שפּאָט
פון מענשען און פון גאָט . . .

דאָס פרעירי הינטעל איז זיך סתם
פון יענעם קלאַס,
וואָס גאַנצע טעג לויפט פוסט־און־פּאַס
און לעבט פון גראָז
צי לופט, צי ווייס דער אַשמדאי פון וואָס . . .
ער האָט בטבע ניט קיין סם,
און אין דער אמת טראָגט ער ניט אַ האַס
צו קיינעם,
דאָך איהם געפעלט דער שפּאַס,
צו זיצען
מיט זיינע אַנגענעהמע שכנים
צוזאַמען,
און זאָגען איבער יעדען פוילע וויצען,
און שטעכעדיגע עפּיגראַמען . . .

אַזוי ווערט יעדע נאַכט,
אין יענעם אָרט פאַרבראַכט,
ביז ס'ווערט דער מזרח רויט
פון מאָרגען'ס ערשטע פלאַמען.
און כאָטש מען ווינשט איינאַנדער זיך דעם טויט —
דעריין ביי זיי איז
ניטאָ קיין שום חלוקי־דעות,
אַז זייער צונג מוז אַלעסדינג פאַר'סם'ען . . .

דער אויסגעמענשעלטער אָראַנג־אוטאַנג

I.

אַ פאַרשער וואָס האָט לאַנג
באַרייזט די לענדער פון די האָטענטאָטען,
געבראַכט פון דאָרטען האָט אַ ווילדען
אראַנג־אוטאַנג,
וואָס איז געוועזן אַזוי געראָטען,
אַז איהם צו בילדען
געפּאַסט האָט דער געלעהרטער אַ בעשלום . . .

ער האָט איהם ראשית אויסגעקליידט
פון קאָפּ ביז פוס,
איהם אָנגעטהאָן אַ קראַגען און מאַנשעטען,
דערצו אַ'ן אנצוג
אַ'ן עלעגאַנטען און אַ נעטען,
מיט שיך לאַקירט און גלאַנציג . . .
און האָט אַ זייגער מיט אַ קייט
איהם אָנגעהאַנגען אויף דער וועסט.
דער כלל, ער האָט איהם
פאַרפּוצט אין האָניג און אין עסיג . . .

דערביי האָט דער פּראָפעסאָר
איהם אויסגעלערענט אַלע פּרטים
ווי מ'איז זיך נוהג רערגעלמעסיג
ביים עסען, ווען עס קומען געסט,
און ווי מע דאַרף געברויכען גאָפּעל־מעסער
לויט הלכות עטיקעט . . .
די אַבעזיאַנע
געוואָרען איז געוואוינט זאָגאַר,
צו רויכערען אַ טהייערע ציגאַר
(און דוקא פון האַוואַנאַ).

און זעהענדיג דעם סוחר אין אַ פראַק
אויף ערגעץ אַ באַנקעט,
בעטראַגענדיג זיך אמת פיין
מיט לייטישער מאַניער,
צו זופּענדיג געשמאַק
אַ גלאָז שאַמפּאַניער וויין,
איהם האָבען אַלע שיער
געהאַלטען פאַר אַ'ן אויפגעקומ'נעם גביר
וואָס קויפט זיך איין
אין ד'הויכע פענסטער . . .

און קיינער ניט, זאָגאַר דער נעהנטסטער
פון זיינע שכנים, וואָלט פיעלייכט אין לעבען
געקענט דעם אמת אונטערשיידען,
ווען ס'וואָלט ניט אויף דער וועלט געגעבען
אַזאַ מין זאַך ווי ריידען . . .

קוים פלעגט ער נעהמען עפּעס זאָגען,
פאַשווינדען פלעגט דער טעות,
און איטליכער (ניט אַכטענדיג די בגדים
וואָס הערר אראַנג פלעגט טראָגען)
האָט באַלד געוואוסט אַז דאָ איז —
א מאַלפּע בלויז בצורת אדם...

אָראַנג דער בעל־טובה

II.

פון דעם אראַנג וואָס איך האָב אייך געמאָלט,
דערצעהלט מען צווישען זאָלאָגען,
אַז איהם האָט איינמאָל זיך פאַרוואָלט,
די ראָליע שפּיעלען פון אַ פילאַנטראָפּ,
אַ בעל־מצוה'טניק און אַ טהוער,
און ער פלעגט אומגעהן אָהן אַ קאָפּ,
און שטאַרק צוטראָגען,
ניט וויסענדיג אַוואו ער
קאָן זיין פאַרלאַנג ערפילען...
ביז ס'האָט זיך איהם געמאַכט,
פאַרבייצוגעהן אַ טייך אַ שטילען,
און דאָרטען האָט זיין אויג געזעהן,
אַ פיש וואָס איז געווען
אין וואַסער ביז'ן מויל פאַרזונקען,
און האָט צו איהם געוואונקען,
(ווי איהם האָט זיך געדאַכט)
מיט אויגען אויסגעגלאָצט און שטאַר —
די אמת'ע סימפּאַטאָמען
פון איינעם וואָס געפינט זיך אין געפאַהר
צו ווערען באַלד דערטרונקען...

אראַנג האָט גלייך דערשמעקט
אַז אין אַזאַ געשיכטע שטעקט
די מעגליכקייט צו מאַכען זיך אַ נאָמען . . .
און אָהן אַ רגע צו־פאַרשוועדען,
פאַרגאַרטעלט אונזער וואַהלטהוער די לענדען
און גיט אַ פאַנג
דעם אונגליקליכען נפש,
איהם שלעפּענדיג צום ברעג,
אום איהם פון אונטערגאַנג
צו רעטען . .

אומזיסט האָט זיך דער פּראָטעזשע־פיש
געוואָרפען און געצאַפּעלט מיט'ן עק
און מיט תחנונים זיך געבעטען: —
„לאָז, גזלן, מיך אוועק . . .”
— „אַהאַ, ווילסט זעלבסטמאָרד גאָר באַגעהן —”
האָט זיך אראַנג נאָך מעהר צופלאַמט —
„און ווילסט דער טייך זאָל דיר פאַרשלינגען ? . . .
„דאָך, ברודער, ניין !
„דאָס וועט דיר ניט געלינגען,
„ווי לאַנג אוטאַנג נאָך לעבט . . .
„ער וועט דיר דוקא צווינגען
„צו לעבען — אויפ'ן זאַמד . . .

דאָן, פול מיט נחת אָנגעשעפּט,
און שטאָלץ וואָס איהם האָט זיך געטראָפען
אַזאַ מציאה,

צו ווערען מיט גאָר ווייניג מיהע
אַ מלאך המושיע,
איז הערר אראַנג אַוועקגעלאָפען
זיין וואָהלטהאַט פאַר דער וועלט צו פראָקלאַמירען,
און האָט געלאָזט די וואַסער־בריאה
אין וועהטאָג אויפ׳ן ברעג קרעפּירען . . .

די זשאבע און דער בושעל

א פראַש, וואָס פון איהר קינדהייט אָן
האָט אָפּגעפּינסטטערט איהרע טעג
אין נאַסקייט און אין נויטה,
און ניט געוואַגט פון שרעק
אַרויסצוגעהן פון קויט —
האָט שטילערהייד און מאָנאָטאָן,
געקוואַקעט איהרע קלאָגען,
אַז לעבען מיינט זיך פּלאָגען
און הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך מיט פּיין,
ווען פּלוצלינג . . . שטעקט אַ שטאָרך אַריין
זיין שנאָבעל אינ׳ם טייך,
און גלייך,
ניט וואַרטענדיג צו מאָל אויף „ברוך הבא״,
הויבט ער אָן מוסר׳ען די זשאַבע : —

„הער אויף דיין קלאָגעדיגען נגון,
„דיין ליעד איז מיאוס און דערצו אַ ליגען . . .
„דאָס לעבען איז אַ שטענדיגער געווּנס,
„אַ קוואַל פון פרייד און פאַרגעניגען . . .
נעהם מיך . . . אָט וויל איך, שטעה איך אויף מיין דאַך,
„און קלאַפּ קאָנצערט,

„צי זעה די זונן זיך שפּיגלען,
„אין טייך און פלום . . .
„אָט וויל איך, טהו איך גאָר אַ מאַך
„מיט מיינע פליגלען,
און פליה אַוואו מיין הארץ באַגעהרט,
„און אומעטום
אַוואו איך קום,
„געפין איך אַז די וועלט איז שעהן . . .
„און דו אַליין,
„ווען דו וואָלסט ניט געוועזען קראַנק
„אויף מרה שחורה,
„דאַן, שטאָט צו קוואַקען אַזוי וויסט,
„אַז יעדען כאַפּט אַ מורא —
„וואָלסט דו אַ ליעד פון פרייד און דאַנק
„אַ גאַנצען טאָג געזונגען . . . ״

און צו באַשטעטיגען זיין תורה
אַז לעבען הייסט געניסען,
האָט אונזער בושעל־אָ פּ ט י מ י ס ט ,
אין א י י ן געשמאַקען ביסען,
די זשאַבע איינגעשלונגען . . .

די זונן און דער טעלעסקאָפּ

די זונן האָט פון איהר הויך אַראָפּ
באַמערקט אַ טעלעסקאָפּ,
וואָס איז געוועזען קעגען איהר געריכטעט,
און וואַרפענדיג אויף איהם אַ בליק,
וואָס האָט איהם שיער פאַרניכטעט,
האָט זי, פאַרערגערט, מיט אַ טאָן אַ שאַרפען,
איהם אָנגעהויבען פאָרצו־וואַרפען,
פאַרוואָס פון איהם איז
אַרויסגעקומען די קריטיק
אַז זי האָט פלעקען און פּגימות,
און איז ניט גאַנץ פאָלקאָמען . . .

דער אַפּאַראַט,
וואָס האָט געהאַט
ביי אַלע אַסטראָנאָמען
אַ גוטען נאָמען,
פאַר זיין באַמערקען אַקוראַט,
די שטערען און פּלאַנעטען,
געענטפערט האָט דער שטראַהלען־געטין : —

„איך בין געוועזען יענער,

„וואָס האָט צוערשט אַנטפּלעקט דיין גרויס,
„און אויב די וועלט אַצינדער וויים
„דעם אונגעהיירען רוים, וואָס דו
„נעהמסט אין די הימלען צו —
„איז דאָס געשעהן נאָר
„דורך מיר, וואָס בין
„געווען אויף דיר דער בעסטער קענער . . .
„און ווען חלילה איך געפין
„אויף דיר אַ מום,
„מוזט דו ניט קוקען קרום
„און אָנהויבען זיך דינגען . . .
„דען אויב,
„דו האָסט פאַרדייהט מיין לויב
„מוזט דו מיין טאַדעל אויך פאַרשלינגען . . . "

דער זאנג־שפּיץ און דער שטרוי

(נאָך אַ מדרש).

דער הויכער גראָער שטרוי
האָט איינמאָל זיך אַזוי,
געוועדטעלט מיט'ן שפּיץ פון זאַנג:
(און פאר איין גאַנג,
באַמערקען איז כדאי
אַז קריגעריי
ברעכט אוים געוועהנליך צווישען נאָהנטע פריינד): —
„דו נעהמסט זיך איבער שטאַרק, מיר שיינט,
„און מיינסט, דו ביסט דאָס אויבערשטע פון חריין,
„דאָך שוין דערפאַר אַליין,
„וואָס איך בין העכער אין געוויקס,
„האָט אַזאַ קליינער ניקס
„ווי דו, געמעגט
„צו מיר אַרויסווייזען רעספּעקט.
„היינט בין איך עלטער דאָך מיט כמה וואָכען . . ."

דאָ האָט איהם זאַנג־שפּיץ אונטערבראָכען: —
„מיין אַלטער שטרויהעלד, כ'וויים
„אַז זיך פערמעסטענדיג אין גרויס,
„קען איך ניט גרייכען דיינע קני,

„און עלטער ביסטו, ס׳הייסט, דו ביסט
„שוין לאַנג צוריק אַרויס פון מיסט . . .
„נאָר וואַרט אַ ווײַלע,
„ביז ס׳קומט די צייט פון שניט,
„און דו וועסט זעהן אָהן מיה,
„די מעלה
„וואָס איך פאַרמאָג און דו האָסט נ י ט . . .
„דיך וועט מען דרעשען און צורייבען,
„דיין שפּריי־באָרד וועט דער ווינד צוטרייבען,
„און מיך אַליין נאָר וועט מען קלייבען,
„און לופּטערען און פּוצען . . .
„דען וואָס דו האָסט אַ לענגערע געשיכטע,
„ברינגט קיינעם ניט קיין נוצען ;
„דער עיקר, דאָס געדיכטע
„איז בלויז דער קערן . . .
„און א י י ן קליין מעסטעל ווייץ גערייניגט,
„קען מעהר ערנעהרען
„ווי הונדערט קוליעס שטרוי פאַראייניגט . . .”

די אָפּגעפּיטערטע קאַץ

א קאַטץ וואָס איז געוואָרען פעט,
פון שרצים און פון מייז,
האָט ביסלעכווייז,
זיך איינגערעדט,
אַז זי פאַרדיענט אַ שבח,
און אַ מעדאַל,
פאַר איהרע גבורות צווישען ראַצען,
און אַז איהר אַרבייט פאַר'ן כלל,
איז גאָר ניט אָפּצושאַצען.
און אויף דעם סמך
פון איהרע אויפטהוען אין ק ע ל ע ר —
האָט זי מיט שטאָלצען דרך ארץ
ניט מעהר געוועלט גאָר אָנקוקען אַ שרץ,
און האָט גענומען נאַשען,
אויף לינקס און רעכטס,
פון יעדען טעלער
וואו זי פלעגט דערשמעקען אַ געקעכטס,
אַ שטיקעל פוטער צי אַ ביסעל שמאַנט,
און נאָכאַנאַנד
ניט אויפגעהערט דעם גוף צו פאַשען.

דער טרייער הונד האָט איינמאָל, ביי דער האַנד
געכאַפּט זי אויף אַ פעטען טאָפּ
און איהר דערלאַנגט אַ גאָב: —
„מיט וואָס האָסט ד ו פאַרדיענט אַזאַ מין מאכל?—
„פאַר מיר, פאַרשטעהסטו, קענסטו זיך ניט ריהמען,
„אַז דו פלעגסט לעבען פון תעניתים . . .
„דיין רונד
„און בעל־הבתיש בייכעל
„איז, מוהמינקע, דער בעסטער סימן,
„אַז דו האָסט ניט פאַרגעסען דיין געזונד . . .
„און איצטער אַז דו זוכסט תכליתים,
„און פעטע ביסענס אין דער קיך,
„און ברעקעלסט זיך
„מיט דיין אַמאָליגער מלאכה —
„וועט קומען גיך
„אויף דיר אַ פינסטערע מערכה.
„דען דו האָסט דאָ
„ניט וואָס צו טהאָן,
„און וועט מען אין אַ בייזער שעה
„פון דאַנען דיך פאַרטרייבען,
„דאַן וועסטו בלייבען
„אין גאַנצען אָהן אַ פּראָפּעסיאָן . . .

דאס געלע בלאט און די פישען

אַ געל און טרוקען בלאַט,
(וואָס איז אין יעדען פּרט
געוועזען גלייך
צו אַלע געלע בלעטער)
איז אין אַ טייך
אַריינגעפאַלען,
און איז געשוואומען מיט די וואַלען,
ווי נאָכ׳ן וועטער,
זיך געבענדיג אַ קעהר
אַמאָל אַהין, אַמאָל אַהער,
און צייטענווייז
זיך גאָר געדרעהדעלט אין אַ קרייז...

און איינמאָל ווען דער פלוס
איז אָנגעשוואָלען זעהר שטאַרק,
און אויף דעם קאַרק
פון א געוואַלדיג־גרויסער כוואַליע,
איז הויך דאָס בלאַט אַרויפגעשטיגען,
געוואָרען איז עס קאַליע,
און איז געקומען צום בעשלוס,
אַז ס׳איז פון וואַסער דער פאַרטרעטער,

און דאַרף דעם טייך רעגיערען
און פיהרען . . .

די װעלען האָבען צוגעשװיגען
און שטאָט זיך קריגען,
גע'חזק'ט און געקייכט
פון זייער נייעם רעטער . . .
דאָך צװישען
די פישען,
װאָס גלױבען זעהר לייכט
(און לאָזען זיך פיעלייכט
דעריבער טאַקי פאַנגען אין דער נעץ),
געװאָרען איז פון יענעם טאָג
אַ חק,
דאָס געלע בלאַט צו אַכטען,
און װאָס עס טהוט אַ זאָג,
אַלס הייליגעס געזעץ
מיט גרױס הכנעה צו באַטראַכטען . . .

דער אַנקער און דער מאַסט

אויף אַלע זעגלען אָנגעצויגען,
איז דורכ'ן ים אַ שיף געפלויגען
אין האַסט,
און אויבען,
דעם קאָפּ צום הימעל אויפגעהויבען,
געשטאַנען איז דער שלאַנקער
און שטאָלצער מאַסט.
און האָט אַראָפּגערעדט צום אַנקער :
„איך הויב אָן גלויבען
„אַז דו ביסט בלויז,
„אַ'ן איבעריגער עלעמענט,
„און ווען דאָס שיף וואָלט ווערען לויז
„פון דיר, דאַן וואָלטען מיר געקענט
„דערגרייכען פיעל
„געשווינדער אונזער ציעל . . .
„דען דיין געוויכט
„אַ חוץ וואָס עס פאַרריכט
„ניט קיין שום אַרבייט, שלעפּט אַראָפּ
„און הינדערט,
„און אונזער אַלעמענ'ס גאַלאָפּ
„פאַרמינדערט . . . "

דאָך קוים האָט ער דעררעדט
די דאָזיגע דבורים,
האָט אויסגעפּלאַצט אַ גרויסער שטורעם,
און ווי מיט טייוועלשען געשפּעט
האָט זיך דער ים צובראַזט,
ביז די מאַטראָזען
גענומען האָבען שנעל אַרונטערלאָזען,
די זעגעל־טיכער,
דאַן, לאָזענדיג דעם מאַסט זיך וואַרפען
און צאַפּלען אין דעם פּויסט
פון בייזען וויכער,
געאיילט וואָס גיכער
האָט יעדער צו דער אַ ל ט ע ר ק י י ט,
אויף וועלכער אויפגעדרעהט,
געלעגען איז דער אַנקער גרייט
צו העלפען, ווען מע וועט איהם דאַרפען . . .

און ווען דער ים האָט אויסגעשוימט
זיין גיפט,
און אויף זיין גרינער פּלייצע
האָט ווידער זיך דאָס שיף צושטיפט,
און לוסטיג וייטער זיך געשיפט —
דאַן האָט דער אַנקער איינגערוימט
דעם שיף אַ'ן עצה : —

„געדענק, מיין פריינד, די רעגעל —
„ניט אַלע מאָל איז גוט מיט פולער זעגעל,

„צו געהן אַוואו די נייע ווינדען טרייבען . . .
„עס טרעפען אָפט אַזעלכע צייטען,
„ווען פאַרטצושרייטען
„מיינט, אין די אינדען
„פון ים פאַרשווינדען,
„און בעסער פיעל איז אויף אַ'ן אָרט צו בלייבען,
„און אָן דעם אַלטען
„און טרייען אַנקער זיך צו האַלטען . . . "

א ראָב וואס האט נאָכגעמאכט אַ'ן אָדלער

(נאָך לעסינג).

געהערט האָט ערגעץ וואו אַ ראָב,
אַז אָדלערס זיצען
אַ רונדען מאָנאַט אָפּ
ביים בריהען.
איצט וויים איך שוין — האָט זי געטראַכט —
פאַרוואָס די קינדער וועלכע זיי געבערען,
בעזיצען
אַזאַ מין שוואַרצע מאַכט
ביים פליהען,
און קענען זעהן אַזש ביז די שטערען . . .

און פאָלגענדיג די אָדלער'שע מעטהאָדע,
האָט זי מיט גרויס התמדה,
געבריהט אַ חדש צייט ניט אונטערבראָכען,
און האָט געשוויצט און זיך געמאַטערט
(עס איז געוועזן אַ גאָט־זאַך
וואָס זי האָט מיט'ן לעבען אָפּגע'פּטר'ט)
דאָך אויסגעלאָזען האָט זיך,

אַ פוסטער חלום
פון איהר בטחון,
און שטאָט דעם אָדלער־דור,
אַרויסגעקראָכען
פון איהרע אייער זיינען נאָר
אַ פּאָר
פּאַסקודנע ראָבען־מנוולים . . .

דער וואלפיש ז"ל

די פישער־לייט
אין אַ געוויסען דערפעל ביי דער זייט
פון ים אוקינוס,
באַשערט געווען איז האָבען אַ סיורפּריז
און קריגען אונערוואַרטעטע מתנות:
אַ טויטער וואַלפיש, וועלכער איז
מיט טראָן געוועזען אָנגעגאָסען,
און זיינע ביינער
באַטראָפען האָבען גרויסע סומען —
איז אויפ'ן זאַמד אַרויפגעשוואומען
זיי סאַמע צו די פיס . . .

און וויל ס'האָט יעדער איינער
גענאָסען
פון דעם געשטאָרבענעם לויתן,
געבליבען איז ביי דעם נאַאיווען קהל,
אַז אויביג זאָל
דער גוטער וואַלפיש ז"ל
פאַרבלייבען אין זכרון,
פאַר די ירושה וואָס ער האָט דעם כלל
געלאָזען נאָך זיין טויט . . .

פון דענסמאָל איז ביי קינד און קויט
אין יענעם שטעדטעלע געוואָרען,
דעם נפטר׳ס נאָמען הייליג און פאַרעהרט,
און קיינער האָט זיך ניט באַקלערט
צו געבען ווען עס איז אַ פרעג.
אויב אין די טעג,
ווען ער איז נאָך געוועזן ביי׳ן לעבען,
וואָלט ער פון זיין עשירות זיי אַ לעק
געגעבען . . .

די רייפען, די קליעפּקעס און דער שפּונט

בײַ אַ געווּיסען פאַס
געפילט מיט אַלטען וויין,
איז אַ וויכוח אָנגעגאַנגען :
די קליעפּקעס האָבען מיט אַ כּאַס
געשריען צו די רייפען : —
„באַרבאַרען ! . . .
„איהר דריקט אונז אײַן
„די ריפּען און די שלייפען,
„און האַלט אונז ווי אין צוואַנגען,
„אַזוי ווי איהר וואָלט זיין
„די הארען,
„און דאָך,
„מע דאַרף זיך גאָר ניט נאַררען,
„פון פאַס דעם תוך
„ענטהאַלטען מ י ר
„ניט א י ה ר . . .
„אַ ראיה האָט איהר, ווען עס פאַלט
„אַראָפּ אַ רייף איז גאָר ניט קיין פאַרלוסט,
„און קריגען מיר נאָר ערגעץ וואו אַ שפּאַלט,
„ווערט ביסלעכווייז די טוך
„דערפון
„אין גאַנצען פוסט . . . "

די רייפען האָבען אין דעם קריעג
גע׳טענה׳ט : — „אַייער גליק
„איז בלויז וואָס אונזער דריק
„אַייך האלט ביינאַנד,
„אין איין צונויפגעפרעסטען באַנד . . .
„אָהן אונז וואָלט איהר אויף שפּענדלעך זיך צושיטען
„און וואָס דער צוואַנג
„און צוויק,
„איז גרעסער,
„אַלץ זיכערער און בעסער,
„פאַר דעם געטראַנק
„וואָס אונז איז אָנגעטרויט צו היטען . . .”

אַלץ מעהר און מעהר פון שטונד צו שטונד
פוןביידע צדדים האָט מען דיספּוטירט
ביז פונקען האָבען אַזש געשפּריצט . . .
און אַלץ, ווייל מ׳האָט אין גרונד
זיך ניט פאַראייניגען געקענט,
ווער אייגענטליך דעם וויין באַשיצט . . .
און אונטערדעסען האָט פּאַסירט,
אַ קליינער אינצידענט :
דער שפּונט
אויף וועלכען מ׳האָט אין דער דעבאַטע
ביז עתה
אַפילו ניט געקוקט,
(מע האָט עס גאָר פאַר נויטהיג ניט געפונען)
האָט פון זיין פּלאַץ זיך שטיל אַרויסגערוקט
און פון דעם פאַס איז אַלצדינג אויסגערונען . . .

די אייזלען נעהמען נקמה

די אייזלען האָבען זיך צולעצט,
געפונען זעהר שטאַרק פאַרלעצט,
פאַר וואָס מע האָט זיי אומעטום געמאַכט
צו שאַנד,
און יעדער שרייבער האָט אומיסטען,
אויף זיי געוואָרפען אַ'ן אומזיסטען
פאַרדאַכט,
אַז זיי פאַרמאָגען ניט אַ האָאָר פאַרשטאַנד . . .
און ס'איז אין אייזעל־פאַרלאַמענט,
געבליבען פעסט מיט אַלעמען'ס הסכמה
צו נעהמען פון די קריטיקער נקמה
און זיי באַצאָהלען מיט פראָצענט . . .

אַ'ן אַלטער חמור,
וואָס איז אַ מענשענהאַסער און פערדאַמער
געוועזען איז על פי טבע,
און האָט געהאַט ביכולת
מיט זיינע ווילדע קולות,
דעם ליאַרעמדיגסטען גראַגער
פאַרשעהמען
(ער פלעגט צוליעב זיין רעווע

אין אייזעל־לאַגער,
אַלס „גדול שבגדולים” שמ'ען . . .) ,
איז דאַן
אַרויפגעגאַנגען אויף דער בימה,
און מיט זיין זיסער שטימע
געזאָגט : רבותי שאַט !
„איך האָב אַ פּלאַן . . .
„מיר זאָלען, נעמליך, שאַפען
„אַ'ן אייגענעם אָרגאַן,
„און קעמפּפען מיט די זעלבע וואַפען
„ווי יענער צד . . .
„ס'הייסט לאָזען דרוקען יעדע וואָך
„אַ מין . . .
„ווי רופט מען דאָס...
(זיין אייזעל־ליפּ,
געוואוינט צו עסען־גראָז,
האָט ניט געכאַפּט דעם ריכטיגען טערמין)
„און געבען זיי אַ שטאָך
„אין צעהנטען ריפּ,
„מיט יעדען וואָרט . . . ”

און מ'האָט צומאָל פאַרשפּאָרט
צו זוכען רעדאַקטאָרען,
דער מגיד, טאַקי, איז געוואָרען
אַליין דער קהל'שער שמש
אויף שינדען אַלעמען די הויט,
און רייבען מאָרדעס, לויט
די אייזעל'שע פּראָגראַמעס . . .

און זאָגען, מוז מען, אַז ער האָט פאַרריכט
זיין פליכט,
מיט עהרליכקייט און פלייס . . .
ער האָט געקראָגען אַבאָנענטען,
פיעל מעהר ווי צעהן אַגענטען . . .
ער. האָט צונויפגעשנאָרט אַ גרויסען פאָנד,
און איז געווען צום ציעל שוין נאָהנט,
ווען ער האָט פלוצלונג זיך דערמאָהנט,
אַז ער האָט אין זיין פלאַן געמאַכט אַ גרייז :

עס איז לגמרי איהם אַרויס פון זינען,
אַז אייזלען קענען זיך געפינען,
וואָס זאָלען מאַכען גוואַלטען,
און לאַנגע דרשות האַלטען,
און רעווען קעגען איטליכער קריטיק,
און (ווען זיי שפיעלט דאָס גליק)
צוזאַמענקלייבען קאַפּיטאַלען,
דאָך ווען עס קומט צו רעדאַקטירען
זשורנאַלען,
באַדאַרף מען האָבען „שוואַרצע גבורה",
ס'הייסט, פראָסט גערעדט, אַ קאַפּעלע געהירן,
צו קענען אָנשרייבען אַ שורה . . .

א צדקה־באל ביי די חיות

געקומען איז אין וואַלד אַ שליח־מיוחד,
אונ האָט דערצעהלט
אַ טרויעריגען ספור,
פון וועלכע ס'האָט די וואַלד־ברואים געסקרוכעט
(עס האָט זאָגאַר דעם טיגער'ס האַרץ צובראָכען):
דער גאַסט האָט מיטגעטהיילט,
אַז ערגעץ אין דער וויסטעניי, איז
אַ הונגער ביי די חיות...
און שוין פון כמה וואָכען
איז דאָרט אַ'ן אמת'ער יום־כפור...

דער לייב, מיט גרויסמוטה אָנגעפילט,
האָט אויפ'ן שטעל צונויפגעברילט
אַ קאָנפערענץ,
וואו מען האָט באַשפּראָכען
די מיטלען און די וועגען,
וו'אַזוי מע זאָל צונויפקלייבען נדבות,
פאַר די פאַראונגליקטע קאָלעגען...

דער בער האָט פאָרגעשלאָגען טענץ
מיט פּאָפּולערע פּרייזען,

דער פוקס, להיפך, האָט געבראַכט בעווייזען
אַז ס'בעסטע איז אַ מאַסקעראַד,
און לויט אראַנג־אוטאַנג'ס מחשבות
איז אויסגעקומען גלאַט,
צו שפּיעלען אַ'ן א י ן ־ אַ ק ט ע ר
(דעם קאָמישען קאַראַקטער
האָט ער פאָראויס פאַר זיך באַדונגען) . . .
אַהין אַהער . . . דער כלל,
מע האָט באַשטימט אַ באַל,
וואו ס'זאָל ווערען אויך געזונגען
און פאָרגעשטעלט טהעאַטער . . .
און דאַן, לויט איטליכען'ס טאַלאַנטען,
די אַרבייט האָט מען אײַנגעטהיילט . . .
איין קאָמיטעט געוואָרען איז ערוועהלט
צו קריגען מוזיקאַנטען,
אַ צווייטער וואָס זאָל אַנגאַזשירען,
אַ וועלט־בעריהמטען דעקלאַמאַטאָר . . .
אַ דריטער אויפצונעהמען
די אַנגעזעהנע טהיערען
(און ווייזען, וועלכער פּלאַץ בעלאַנגט צו וועמען),
אַ פיערטער, אויף דעם וואַלד צו דעקאָרירען,
און נאָך אַ טוץ,
וואָס זייער נוץ,
קען איך אייך, אסור, ניט דערצעהלען . . .

און אָנגעקומען איז דער גרויסער טאָג . . .
פון אַלע ווינקלען און פון אַלע הייהלען
געגעבען האָבען זיך אַ טראָג,

פערפוצטע טיגערס, לעמפערטען און בערען
און פיקס און וועלף און נאָך אַזעלכע געסט . . .
און איהר פאַרשטעהט ממילא אז דאָס פעסט
בעזוכט פון נאַר אַזעלכע הערען
האָט איינגעבראַכט אַ שלל . . .
ווער ס'האָט אַ קעלבעל פּרעזענטירט
(גע'גזל'ט נעכטען פון אַ'ן אָרמען הירט),
ווער ס'האָט אַ ציג געבראַכט,
(אַרויסגע'גנב'עט פון אַ פויער'ס שטאַל),
און ווער אַ לאַם
(פון דלפון'ם לאַנקע געראַבירט),
צי סתם
אַ'ן עוף
(געלאַטכעט פון אַ קבצן ביי דער נאַכט) —
ס'האָט קיינער ניט געשפּאָרט . . .

און ווען דער אָבענד איז געווען צו סוף,
האָט זיך דער לייב
געטהאָן אַ הייב
צום עולם, מיט אַ פרעהליכען רעפּאָרט:
„איהר ווילט געוויס דערגעהן אַ טאָלק
„פון אָבענד? . . . ס'איז געוועזען אַ'ן ערפאָלג . . .
„דאָס הייסט מ אָ ר אַ ל י ש . . . און מיר דאַנקען
„פאַר אייער אמת'ע נדבנות,
„און אייערע געשאַנקען,
„וואָס וועלען קלעקען
„צו דעקען
„דעם קאָסט פון די הכנות . . .”

דאָס פּובליקום, וואָס האָט זיך זעהר אַמוזירט,
האָט הערצליך אַפּלאָדירט,
און האָט דעם לייב און זיינע אַסיסטענטען,
געמאַכט די שעהנסטע קאָמפּלימענטען,
פֿאַר זייער כלל־געפיהל און טהועריי . . .
און קיינעם האָט ניט מעהר געאַרט,
וואָס ערגעץ אין דער וויסטעניי
פון הונגער ווערט מען אויסגעדאַרט . . .

דער גלאָק און די מעטאַלען

אַ גלאָק וואָס איז געהאַנגען אויף אַ טהורעם,
האָט נאָר וואָס אויסגעזונגען,
זיין גרויסעם הארץ אין קלאַנג־דבורים,
• ביז ווייט און ברייט זיין שטימע איז געדרונגען,
און טיעף אַרונטער אין דעם טהאָל,
געציטערט האָט דער עכאָ פון זיין קול —
ווען פלוצלונג הערט ער נאָהנט דערביי
אַ בייזע שושקעריי,
צווישען די פאַרשיעדענע מעטאַלען
פון די קופּאָלאס,
דער הויפּט דאָס בליי,
געשאָטען האָט מיט קללות
אויף איהם און אויף זיין שאַלען . . .

„ווער האָט אַזוי־וואָס, ווען געזעהן ? —
„אַ גלאָק אַ שאַרלאַטאַן,
„וואָס האָט זיין אייגענס ניט אַ גראַן,
„און איז דורכאויס צונויפגעגאָסען
„פון אונזערע גענאָסען —
„פון אַייזען, און פון קופּער און פון צין,
„און, גאָט ווייס, נאָך פון וועלכען מין —

„זאָל מאַכען אַזאַ פּירוש פון זיין צונג,
„און קריגען אַלע שבחים פאַר זיין קלונג . . . ״

דאַרויף געענטפערט האָט דער גלאָק : —
„איך האָב עס קיינמאָל ניט פאַרדעקט,
„און יעדער ווייס עס קלאָר,
„אַז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
„האָט אייניציגוויז אין אַייך געשטעקט,
„און בלויז אין מיר געוואָרען איז אַ כאָר ,
„וואו אַלע קרעפטען,
„און אַלע שטאָפען
„צונויפגעטראָפען,
„זיך וואונדרליך באַהעפטען . . .
„דאָך איך אַליין פון טהורעם׳ס דאַך
„רעד צו דעם טהאָל דעם הימעל׳ס שפּראַך...
„דען וואָס איך האָב פון אַייך גענומען,
„ביי אַייך פלעגט שטומען,
„און וואָס ביי אַייך געוועזן איז בלויז פאַרלאַנג,
„און נאָר אַ נעבעלדיגעם וועלען —
„ווערט מאַכט און ווירקליכקייט דורך מיין קלינג־קלאַנג,
„און קריגט געשטאַלט דורך מיינע טרעלען . . . ״

די אפּשאַפונג פון שחיטה

אַ קלוגער פערד,
וואָס האָט זיך אומגעקעהרט
פון שטאָדט,
געבראַכט די נאַכריכט האָט,
אַז די רעגיערונג האָט באַפויהלען
אין גאַנצען אָפּצושאַפען ש ח י ט ה . . .
(די מעשה האָט פּאַסירט אין פוילען
צי ערגעץ אין דער ליטא).

און באַלד האָט זיך פאַרזאַמעלט אַ המון
פון קיה און שאָף און ציגען,
פון ענטלאַך, ענדיקעס און העהנער,
און יעדער אויף זיין ניגון
געבעטען האָט: „רב סוס'ע קרוין,
„דערצעהלט אונז פון דאָס ניי
„די גוטע בשורה . . . "

און ווען דער פערד האָט אַמאָל דריי
די נאַכריכט ווידערהאָלט,
און יעדעס מאָל אַלץ שעהנער
די זאַך מיט אַלע קליפּערלעך געמאָלט,

געשטראַהלט האָט יעדען'ס צורה
פון שמחה אַהן אַ שיעור,
און אויסגעבראָכען האָט אַ פילדעריי,
מע זאָל זיך משמח זיין צוזאַמען,
און פייערען דעם נס . . .

דער האָהן האָט שנעל פאַרפאַסט אַ שיר
מיט גראַמען,
צו זינגען ווי די „מאַרסאַליעז",
וואָס איז געלאָפען אונגעפעהר : —
„קומט קינדער פון קאָטוך אַהער,
„דער טאָג פון שטאָלץ דערגרייכט אונז אויך האָט,
„פאַרטיליגט איז די מאַכט פון שוחט . . ."

אַ הויכער ענדיק־קאַוואַליער
גענומען האָט צום טאַנץ,
אַ פעטע גאַנז ;
צוויי קאַטשקעס האָבען מיט אַ'ן אַלטען זמר,
געדרעהט זיך אין אַ „שעער",
און אָקסען, בעק און לעמער,
געגאַנגען זיינען קאַרעהאָדען,
ביז ס'האָט געציטערט אַזש דער באָדען . . .

און מיט אַמאָל
האָט זיך דער פערד צוהירזשעט אויפ'ן קול,
און צו די אויפגעראַמטע רינדער
געזאָגט : — „איהר האָט מיך, קינדער,
„הפנים ניט פאַרשטאַנען קלאָר . . .

„איך האָב איך נאָר
„געוואָלט דערצעהלען, אַז
„לויט דעם אַרויסגעגעבענעם אוקאַז,
„אַנשטאָט
„וואָס מ'האָט
„אײך ביז אַהער דעם האַלז צושניטען,
„אייך וועט מען טויטען מיט אַ האַק,
„צי גאָר מיט אַ דובינע . . .
„(דאָס וועט זיך ווענדען אָן געשמאַק).
„די גאַנצע נפקא־מינה
„איז, וואָס מע האָט געביטען
„מ ע ט ה אָ ד ע ן און ס י ס ט ע מ ע ן —
דאָס לעבען וועט מען ס אַ י ו ו י ס אַ י אַ י י ך
נ ע ה מ ע ן . . .

דער קאָפּ און דאס הארץ

דער קאָפּ זאָגט איינמאָל צו דעם האַרצען: „פריינד
„עס זיינען פופציג יאָהר
„דעם מויל געוואָרען היינט,
„זינט ער האָט אָנגעהויבען קלאָר
„צו ריידען,
„און ס'וואָלט געווען אַ יושר פון אונז ביידען,
„צו פייערען זיין יובילעי,
„און אונזער דאַנקבאַרקייט איהם צייגען.
„דען אָך און וועה,
„וואָלט אונז געווען
„ווען ער זאָל שווייגען . . .
„מיר וואָלטען זיך געוואָרגען,
„מיט אונזער אינהאַלט אין דער שטיל,
„און מ י י ן געדאַנק און ד י י ן געפיהל,
„געוועזען וואָלטען ווי אין פליען
„געפאַנגען,
„און פון דער וועלט פאַרבאָרגען . . . "

דאָס האַרץ (הגם געוועהנליך שוואַך)
האָט דאָס מאָל זיך ענטזאָגט
צו טהאָן דעם קאָפּ'ס פאַרלאַנגען

און האָט איהם ענטפערען געוואַגט: —

„אויב דיר געפעלט, געה מאַך
„דעם דברן אַ פּאַראַד,
„ער האָט דיר אַזוי טריי געדיענט,
„אַז ער האָט כשר פון דיין צד
„פאַרדיענט
„די גרעסטע עהרע . . .
„דאָך קיינמאָל האָט נאָך ניט געטראָפען,
„דאָס מויל זאָל פּרובען זאָגען אָ פּ ע ן
„וואָס איך פּ אַ ר ב אָ ר ג ע ן שפּיר,
„אַוואו עס זאָל ניט קעגען מיר
„באַגעהן אַ זינד אַ שווערע . . . "

אליהו הנביא און די הינד

„כלבים משחקים אליהו
הנביא בא לעיר“
(בבא קמא, ס׳).

פאַסירט אַמאָל האָט אין אַ כרך,
אַז אליהו דער פּראָפעט,
(וואָס האַלט געוועהנליך זעהר שוואַך
פון גרויסע שטעדט,
און וואוינט אין פלעצער שטילע,
וואו קיינער זעהט איהם ניט אפילו),
געקומען איז אַהינצו אויף בעזוך,
און האָט נאַטירליך זיך געריכט,
אַז ווען דער סלוך
פון זיין וויזיט וועט זיך פאַרשפּרייטען,
וועט ער געפינען יעדע גאַס געדיכט
מיט מענשען,
וואָס וועלען קומען ענטוועדער זיך בענשען,
צי גלאַט אַ בּרייטען
קבלת פנים איהם דערלאַנגען,
און איהם עמפּפאַנגען
מיט בלומען און בוקעטען,

און רעדעס און מוזיק,
און נאָך אַזעלכע שטיק,
וואָס צוליעב זיי פלעגט זיך דער אַלטער היטען,
אַ גרויסען מקום צו באַטרעטען,
און האָט בכלל געהאַסט וויזיטען . . .
היינט שטעלט זיך פאָר,
ווי איבערראַשט ער איז געוואָרען גאָר,
ווען שטאָט די קאָמיטעטען,
(פון וועלכע ער האָט מיט פאַרדראָס
זיך אָנגעברייט אַנטלויפען),
געגעבען האָבען זיך אַ לאָז,
פון אַלע הויפען
די כלבים,
און שפרינגענדיג, גענומען
באַגריסען אליהו׳ס קומען
אין נאָמען פון דער שטאָדט׳ס תושבים . . .

דער גאַסט געבליבען איז פאַרווירט,
און האָט געשפירט
אַ שרעקליכען בזיון . . .
ביז צוגעקומען איז אַ פיאָס,
דער פיהרער פון די הינטלעך
(וואָס האָט הפנים פון זיין בעל־הבית
געגאַשט
די שוואַרצע פינטלעך),
און האָט באַרוהיגט אליהו׳ן : —
„איהר, רבי, ווערט ניט איבערראַשט
„פון אונזער הינטישער פראָגראַמע . . .

„איהר ווייסט מסתמא
„וואָס ס'שטעהט אין בבא־קמא —
„אַז ווען עס קומט אַ הויכער גאַסט ווי איהר,
„דאַן זיינען מ י ר
„פון תמיד אָן בעלנים,
„אויף זיין די ערשטע צום קבלת־פּנים . . .“

דער פּאַפּוגאַי

אַ רויט־געל־גרינער פּאַפּוגאַי
וואָס דורך אַ צופאַל איז פון שטייג
געוואָרען פריי,
איז אין דעם וואַלד צוריק אַוועק,
און דאָרטען אויף אַ צווייג
געשטאַנען גאַנצע טעג,
און פאַר די פויגלען דעקלאַמירט,
די פראַזען און די ווערטער
וואָס ער האָט איינשטודירט
אין די פאַרשיעד׳נע ערטער,
אַוואו ער פלעגט זיך אויפהאַלטען אין שטאָדט.

און ווייל ס׳האָט קיינער ניט געקענט דערגעהן
דעם מיין,
פון יענע קלאַנגען וואָס ער פלעגט
אַרויסגרילצען פון זיין גרגרת,
געשושקעט האָט מען זיך בסוד,
אַז ער איז
אַ דיכטער פון דעם נייעם גוסט,
וואָס רעדט פאַרדעקט.
און ווען ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול,

האָט יעדער גלייך געוואוסט,
אַז אָהן אַ צווייפעל שטעקט
דערינען
אַ טיעפער זינען,
און יעדער „קראַק" איז אַ סימבאָל,
און פול מיט אַלערליי כונות . . .

און ווען איהר פלעגט אין וואַלד שפּאַצירען,
געהערט האָט איהר זיך קליגען,
און קריגען
און דעבאַטירען,
און זוכען מיטלען
ווי אויסצופאָרשען דעם פאַרהילטען אמת
פון די פּאָעמאס
(אַזוי פלעגט מען בעטיטלען
דעם פּאַפּוגאַי'ס געשרייען).

גאָט ווייס ווי וויים געגאַנגען וואָלט די זאַך,
ווען ניט די נאַכטיגאַל
וואָס האָט געהאַט אַ כלל,
אַז זינגען דאַרף מען אויף אַ שפּראַך,
וואָס גרויס און קליין פאַרשטעהען,
און פלעגט ממילא האַסען
ווי פעסט,
די נייע תרגום־לשון־משוגעת'ען . . .

זי האָט פון איהר פאַררוקטען נעסט,
אַרויסגעטרילערט איהר פּראָטעסט : —

„וואָס דאַרפט איהר מיינע הערצען,
„זיך שטרייטען
„און קלערען,
„און זיך דעם מח ברעכען,
„און פרעגען: „וואָס בעדייטען
„דעם פּאַפּוגאַי׳ס געשפּרעכען?״
„ווען ס׳איז אַ׳ן אָפּענער סעקרעט,
„אַז ער אַליין
„לחלוטין הויבט ניט אָן פאַרשטעהן,
„די ווערטער וואָס ער רעדט...״

דער האָז צווישען גדולים

(נאָך לעסינג).

פון וואַלד דער מלך,
האָט אויך געוויסע שטונדען,
ווען ער איז בגילופין . . .
און איינמאָל פיהלענדיג זיך פרעהלעך,
האָט ער אַ האָז צו זיך גערופען,
און א געשפּרעך מיט איהם פאַרבונדען . . .

דער האָז בענוצענדיג די לאַגע,
וואָס מאַכט זיך איינמאָל אין אַ שמיטה,
האָט צו דעם לייב געווענדט זיך מיט אַ פראַגע :
„דו זאָג מיר, ביטע,
„איז טאַקי אמת יענע זאַגע,
„וואָס איך האָב פון מיין זיידען'ס מויל געהערט,
„אַז אָפטמאָל ווערט
„אַ לייב מיט שרעק בעפאַלען,
„ווען ער דערהערט דאָס שאַלען
פון ערגעץ־וואו אַ האָהן,
„און אַיילט זיך צו אַנטלויפען ווי פאַר'סמ'ט,
„אַוואו די אויגען טראָגען ? . . . ״

דער לייב האָט צוגעבאַמט,

און לאַכענדיג געזאָגט זיין קליינעם קאָמפּאַניאָן:
„מיר אַלע גרויסע, זוהנינקע, פאַרמאָגען,
„אַ קליינעם פעהלער, אַ געוויסען,
„אַזוי, למשל — ווי דו מוזט אודאי וויסען
„אויב דו האָסט אַזאַ קלוגען זיידען —
„דערשפירט דער עלעפאַנט א שרעק אין רוקען,
„און ציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינד,
„ווען ער דערהערט אַ חזיר כרוקען . . . "

„נו, איצט פאַרשטעה איך — האָט דער האָז
געזאָגט מיט פריידען —
„די אורזאַכע פאַר וואָס
„איך ציטער אַזוי שטאַרק פאַר הינד . . . "

דער שטיין און די בוימער

אַ שטיין וואָס איז פון אבות־אבותינו,
אין וואַלד געלעגען אַ פאַרשטאַרטער,
אַ קאַלטער און אַ האַרטער,
באַצויגען מיט אַ גרינעם שימעל —
האָט ווי אַ בייזער שומר
בעקוקט די שעהנע
און זאַפט־געפילטע בוימער,
וואָס פלעגען אונטער׳ן פרייען הימעל
זיך שושקען מיט אַ לוסטיגען געטימעל,
און טעגליך
האָט זיי דער שטיין דערלאַנגט אַזעלכע דרשות:
„עס נעהמט אָן אַ חלשות,
„צו זעהן ווי לייכט־בעוועגליך
„איהר זייט,
„און ווי איהר נאָכאַנאַנד זיך בייט . . .
„ביי אייך איז קיין פרינציפּ ניט פעסט,
„דאָ טהוט איהר אָן אַ גרינע וועסט,
„און דאָ אַ ברוינליכען שינעל,
„דאָ זייט איהר רויט, דאָ געל,
„דאָ רוישט איהר און דאָ קנאַקט איהר,
„און קיין זאַך האַלט ניט אָן אַ צייט . . .

„ווען ניט מיין שטיינערנער כאַראַקטער,
„וואָלט איך שוין לאַנג זיך אָפּגעזעגענט,
„מיט אייער קרייז
„וואו יעדען טאָג בעגעגענט
„אַ'ן אַנדער נייס . . . ״

אַ דעמב אַ מהודר,
אַ שטאַרק־געבויטער זקן
מיט גרינע בלעטער־לאָקען,
האָט דורגעשניטען איהם די רייד :
„דער אונטערשייד,
„פון אונז צו דיר
„איז, ברודער,
„וואָס מיר
„ע נ ט װ י ק ל ע ן זיך פון וואָך צו וואָך,
„און װ אַ ק ס ע ן איז ביי אונז פּרינציפּ,
„און דיר איז ליעב
„צו ליגען יאָהר פאַר יאָהר,
„און צוקריגען אפילו ניט אַ האָאַר
„אַ חוץ פיעלייכט אַ ב י ס ע ל מ אָ ך . . .״

דער היפּאָפּאָטאַם

ווי אייך בעקאַנט איז, מן הסתם,
האָט קיינער ניט פון אַלע פאַבעל־מאַכער,
פון עזאָפּ ביז קרילאָוו
אַ וואָרט געשריבען פון היפּאָפּאָטאַם.
איהר וועט ביי זיי געפינען יעדען עוף,
אַ לייב, אַ פוקס, אַ וואָלף, אַ בער,
זאָגאַר אַ דבר אחר,
נאָר קיינער האָט ניט ביז אַהער
אָן גראָען וואַסער־פערד געדענקט,
און דאָס, נאַטירליך, האָט איהם שטאַרק געקרענקט.
ער פלעגט טאָג־טעגליך מיט פאַרדראָס,
דאָס וואַסער פליושקען דורך דער ברייטער נאָז,
און מאַכען אַזאַ טרויעריגע העויה,
אַז ס'איז געוועזען אַ צער צו קוקען.
„פאַר וואָס — האָט ער ביי זיך געקלערט —
„בין איך אַזאַ פאַרשאָלט'נע חיה.
„אַז קיינער האלט עס גאָר ניט ווערטה
„צו שרייבען וועגען מיר אַ צייל?...
„ס'איז פשוט צום צופּוקען.״

אַ טשערעפּאַכע ,אַלט ווי מתושלח.

און קריכענדיג פֿאַמעלעך,
האָט איהם געטרייסט: — „מיין ליעבער קאַמעראַד,
„די מעשה, לויט ווי איך פֿאַרשטעה,
„איז זעהר גלאַט —
„עס פּיהרט זיך שוין אַזוי פֿון דור המבול,
„אַז דער וואָס וויל אַריינגעהן אין אַ פֿאַבעל,
„(צי ערגעץ אין זשורנאַל נאָטיצען)
„דאַרף האָבען איין זאַך פֿון די צוויי:
„ער מוז באַזיצען,
„אַ גרויסע מעלה, צי אַ מיאוס'ען חסרון,
„צי גוט, צי שלעכט — ער מוז זיין אַ מחבל.
„דו, אָבער, פריינד, היות
„דו ביסט ניט מיט קיין מעלה גרויס,
„אום זיך אַרויסצווייזען צו קאָנען,
„טאָ פרעה זיך כאָטש וואָס דו ביסט ניט געבאָרען,
„מיט פֿעהלערען גענוג אום צוציהען דעם עולם,
„דען איידער זיין אַ שורקע צווישען גדולים,
„שוין בעסער זיין אַ פּראָסטער גולם,
„און קיינער זאָל דיך ניט דערמאָהנען . . . "

דער טאנץ־בער און דער פערד

(נאָך לעסינג).

אַ בער,
אַ׳ן אויסגעצייכענטער מלומד
אין אַלע סאָרטען טענץ,
און וואָס מע רופט, אַ׳ן אמת׳ער כל־בו,
זאָגט איינמאָל צו אַ שעהנעם פערד: „איך ווער
„בעפאַלען פון אַ׳ן אומעט,
„ווען איך באַטראַכט דיין עקזיסטענץ . . .
„דו געהסט אַזוי,
„אַז ווען איך זעה דיין הלוך,
„דערפיהל איך
„אַז דו האָסט קיין שום קונסט־באַגריפען ניט
„און ביסט אין גאַנצען רויה . . .
„דו ווייסט דאָך ניט אפילו ווי מע גיט
„אַ׳ן אַנשטענדיגען טריט . . .”

„אדוני קאָמעדי׳ — —
געענטפערט האָט דער פערד צוריק —
„אויב טאַנצען אויף אַ פרעמדער שטריק,
„און מאַכען ווילדע שטיק
„אָהן אייגענעם פאַרשטאַנד,

„הייסט זיין אַ קינסטלער, לויט דיין בליק,
„דאַן איז אומזיסט,
„דיין מיטלייד און דיין צער,
„דען איך דאַנק גאָט דערפאַר
„וואָס איך בין ניט קיין נ אָ כ מ אַ כ ע ר ־ אַ ר ט י ס ט...״

די טשערעפּאַכע אין געוועט מיט'ן האָז

(נאָך לאַפאָנטען).

אַ טשערעפּאַכע האָט זיך מיט אַ האָז צורעדט
אונ טהוט אַ זאָג צו איהם
(אפילו זיך ניט געבענדיג אַ קרים) : —
„איך מאַך מיט דיר אַ וועט,
„(הגם דו ביסט אין לויפען אַזאַ העלד)
„אַז איך וועל צו דעם קוסט
„וואָס שטעהט דאָרט ווייט ביים עק פון פעלד,
„פיעל גיכער אָנקומען פון דיר . . . ״

„דו מוסט
„הפנים זיין פאַרריקט —
האָט פון געלעכטער זיך דער האָז געשטיקט —
„צו וועלען וועטען זיך מיט מ י ר ,
„ביי וועמען
„אַזאַ שפּאַציער
„באַדאַרף סך הכל נעהמען
„פיעל ס'נעהמט צו צעהלען פ י ע ר . . . .
„און דו וועסט גאַנצע שעה'ן

„זיך שלעפּען ביז דו וועסט דערגרייכען ..."

די טשערעפּאַכע, אָבער, איז באַשטאַנען
ביז וואַנען
דער האָז האָט נאָכגעגעבען איהר שגעון ...
און קוים האָט מען דערלאַנגט דעם צייכען,
געוּנומען האָט זי שטעלען פיס,
און לאַנגזאַם זיך געשאַרט
אויף איהר געוואוינטער אַרט ...

דער האָז דערזעהענדיג אַזעלכע שפּרייזען,
פאַרשטעהט אַז ס'איז
ניטאָ זיך וואָס צו איילען,
און פיעל ער זאָל זיך ניט פאַרווײלען,
וועט ער נאָך אַלץ באַווייזען
דעריאָגען דאָס געווינס ...
ער כאַפּט דערווייל פון הימליכקייט א ביס,
באַקוקט אַרום דאָס גרינס,
און ציהט אַריין דעם זיסען ריח ...
דער כלל, ער איז זיך משמח.

ערשט ווען אַ שטונדע איז געווען פאַרלאָפען
געגעבען האָט ער זיך צום קוסט א לאָז,
געבליבען אָבער איז ער מיט א נאָז : —
ער האָט שוין דאָרט די קריכערקע געטראָפען ...

די פּאָפּולערע זשאבּע

אַ זשאַבּע וועלכע איז געווען אים שטאַנד,
צו לעבען אי אין וואַסער, אי אויף לאַנד,
(ווי אַלע זשאַבּעס פון נאַטור)
איז איינמאָל אויף אַ פּלאַן געפאַלען,
צו מאַכען קאַפּיטאַלען,
פון איהר צוויי־זייטיגען טאַלאַנט . . .

און יעדעס מאָל וואָס זי איז אויף אַ טור
געקומען פון׳ם טייך אויף דער יבשה,
געהאַלטען האָט זי דאָרט אַ דרשה
(דען קוואַקען פלעגט זי קענען גאָר ניט שלעכט),
אַז אין דער גרויסער רעפּובליק
פון פישען,
איז זי דער גבאי ראשון,
און אַז זאָגאַר דער גרויסער העכט,
מוז טאַנצען וועדליג איהר מוזיק . . .

און גלויבענדיג באמונה שלמה,
האָט איטליכע בהמה,
אַרויסגעצייגט דעם קליינענקען סוביעקט,
רעספּעקט . . .

דאָך ווען די זשאַבע האָט צוריק
אין טייך זיך אומגעקעהרט.
פון איהרע רייזען,
האָט זי אַ נייעם נוסח פאַבריצירט:
איהר איינפלוס קאָנטראָלירט —
האָט זי דערצעהלט — די העכסטע קרייזען
פון די וואָס געהען אויף דער ערד...

און ס'האָט איהר ניט געקאָסט פיעל מיה
ביז ביי די פיש ווי ביי די פיה
(איין צד ניט וויסענדיג פון צווייטען)
האָט אָנגעהויבען זיך אַ קלאַנג פאַרשפּרייטען
אַז די נאַטור באַשאַפען האָט די פראָש,
צו שטעהן בראש
פון אַלע ברואים וועלכע שווימען...
אַ סימן,
אַז די מבינים
פון יענע מינים,
וואָס געהען אום אויף אַלע פיער,
געלאָזען האָבען פיהרען זיך פון איהר...

אַזוי האָט טאַנצענדיג אויף צוויי ירידען,
געלעבט די זשאַבע לאַנג, צופריעדען,
אין כבוד און אין רוה,
פאַרדאַנקענדיג איהר מזל'דיגע דאָליע
אין יעדען פלאַץ, דער אויסגעטראַכטער ראָליע
וואָס זי שפּיעלט כלומרשט אַנדערסוואו...

דעם הירש׳ס און דעם אָדלער׳ס מיינונגען

(נאָך לעסינג).

בעטראַכטענדיג דעם שטרויספויגעל׳ס געשטעל,
האָט איהם אַ הירש אַזוי באַצייכענט:
„דער בחור קען ניט לויפען שנעל
„נאָר פליהען מוז ער אויסגעצייכענט . . .”

דער אָדלער ווידער,
בעקוקענדיג די גליעדער
פון פויגעל־ריעז,
געוואוסט האָט אויף געוויס,
אַז פליהען קען דער שטרויס ניט בשום אופן,
דערפאַר איז ער אַ מאדים אויף די פיס,
ווען ס׳קומט צום לויפען . . .

די הינטער־רעדער און די פאָדער־רעדער

די הינטער־רעדער פון אַ וואָגען
געהאַלטען האָבען אין איין קלאָגען,
אַז יעדער
זעהט קודם־כל די פאָדער־רעדער,
הגם די הינטערשטע אין גרייס און ברייט
פאַרנעהמען מעהרער . . .

דער דייקסעל איז געווען אַ הערער
פון זיי'רע רייד,
און האָט געענטפערט שטאַרק דערצאָרענט: —
„אויב איהר ווילט פּראָגרעסירען,
„דאַן מוזט איהר רעספּעקטירען
„די וועלכע שטעהען אייך פון פאָרענט,
„דען דאַן בלויז, ווען מען נעהמט צוריק זיך קעהרען,
„אייך קען מען לאָזען די מנהיגים ווערען . . .”

דער פּאַדעם און די שער

אַ פּאָדעם װעלכער איז געלעגען,
אַ קעגען
אַ שאַרפער אויפגעמאַכטער שער —
האָט מעהר,
אַלס רודף־שלום, ניט געקענט פאַרלײדען
צו זעהן װי בײדע קלינגען,
באַקוקען זיך אײנאַנדער מיט אַ מינע
פון שנאה,
און זײנען גרײט אײנאַנדער זיך צושנײדען . . .
און ס'איז געבליבען בײ דעם פּאָדעם,
אַרײנלעגען זיך צװישען בײדע צדדים
און זײ מיט גוטען אײנרײדען, צי צװינגען
זײ זאָלען מאַכען, װי עס איז,
אַ קאָמפּראָמיס . . . .

און טאַקי באַלד איז ער געװען אין מיטען
פון בײדען,
און האָט גענומען רײדען
באַ'טעמ'ט און זיס
פון אחדות און פאַרבאַנד,
פון שלום און פון גוטע זיטען . . .

דערצו האָט ער מיט פאַקטען אַלערהאַנד
זיי פאַרגעשטעלט,
וויפיעל די וועלט
האָט פון מחלוקת'ן געליטען,
און פיעל זי ליידט נאָך יעצט . . .

געבליבען, אָבער, איז ער שנעל צו שאַנד,
דעןביידע זייטען, מאַכענדיג איין האַנד,
דעם פרידענמאַכער האָבען דורכגעשניטען,
און זיך אַליין אפילו ניט פאַרלעצט . . .

דער שפּיגעל און דאס געזיכט

צום שפּיגעל האָט גע׳טענה׳ט דאָס געזיכט :
„דיין פליכט
„דאַרף זיין דעם אמת טריי צו ווייזען,
„און דאָך איז יעדעם בילד דיינס פול מיט גרייזען,
„און אַלצדינג ווערט
„ביי דיר פאַרביטען און פאַרקעהרט :
„די זייט וואָס איז די ר ע כ ט ע אויפ׳ן וואָהר —
„זי שטעלסטו אַלס די לינקע פאָר,
„און וואָס איז אין דער אמת ל י נ ק ,
„ווערט אומגעדרעהט ביי דיר אויף ר ע כ ט...”

„דו ביסט גערעכט” —
געענטפערט האָט דער שפּיגעל גיך —
„איך אָבער ברינג
„אַזוי אַרוים דיין יעדען שטריך,
„אַז ס׳איז גענוג,
„זאָלסט געבען בלויז אַ קוק
„און וויסען אַז דאָס מיינט מען דיך...”

די דאנקבארע אייזלען

(נאָך עזאָפּ).

די אייזלען זיינען פאַר דעם בורא'ס טהראָן
געקומען און געקלאָגט:
„מיר זיינען, דאַכט זיך, גרייט צו טהאָן
„די שווערסטע אַרבייט וואָס די וועלט פאַרמאָגט,
„מיר שלעפּען זיך אין אַלע וועטערען
„און ליידען רוהיג קעלט און היץ,
„מיר קלעטערן
„מיט משא אויפ'ן קאַרק
„אַרויף צום העכסטען באַרג,
„און דראַפּען זיך אוויף אַלע שמאָלע וועגען —
„פאַר וואָס זשע קומט אונז געבען שמיץ,
„ווען מיר חלילה זיך באַוועגען
„מיט אונזער לאַסט, ניט גיך גענוג?..."

מיט מיטלייד געבענדיג אויף זיי אַ קוק,
האָט אָפּגעענטפערט דער באַשאַפער:
„איך קען ניט אַלע אייערע פאַרשקלאַפער,
„אַריינזאָגען אין קאָפּ
„דעם שכל, אַז מען קען ניט געהן גאַלאָפּ,
„ווען מ'איז מיט משא אָנגעלאָדען.

„דאָך װעל איך אײער פעל אַזױ פאַרגרעבען,
„אַז אַלע ריטהער װעלען אײך אין לעבען
„ניט אָנטהאָן מעהר קײן שאָדען . . .
„איהר, פּשוט, װעט פאַרלירען די הרגשה . . .״

די אײזלען האָבען גליקליך זיך געפיהלט,
װאָס אַזױ גיך געװאָרען איז ערפילט
די אָרעמע בקשה . . .
דערנאָך
אַ גאַנצע װאָך,
געשמועסט האָבען זײ, אַז גאָט
איז לױטער ליעבע און גענאָד . . .

די פישען פאטריאטען

געוויסע פישען־פאטריאטען
דארונטער קארפען, אקונעס און העכטען,
סארדינקעס
און סטינקעס,
און אלע מינים און געשלעכטען —
פארזאמעלט האבען זיך צו שפאטען,
פון דער יבשה און איהר פיהרונג.

א קארפ
האט אויסגעמאלט מיט שווארצער פארב,
ווי אלע לעבען דארט פארווילדערט,
דערהויפט האט ער געשילדערט
ווי איטליכער איז אונטערטהעניג,
און בויגט זיין קאפ צו דער רעגיערונג
פון א באשטימטען קעניג.

„א ביישפיעל האט איהר, וואו איהר טהוט א בליק" —
האט דער בעל־דברן אילוסטרירט —
„דער מלך פון די חיות איז א לייב,
„און פיהרט
„א'ן אמת'ע ממשלה,
„און פרופט
„אפילו געבען זיך א הייב

„אין לופט,
„געפינט איהר דאָרט דיזעלביגע נבלה . . .
„פאַראָן
„אַ'ן אַדלער אַ טיראַן,
„אַ שטאָלצער שופט,
„וואָס פון קדמונים
„דער קעניג פון דעם פויגעל־פאָלק זיך רופט . . .
„ביי אונז אין וואַסער וואָלטען מיר אַזוינעם,
„גערופען מיט זיין וואַכעדיגען נאָמען . . .
„אָט זעהט,
„מיר האָבען, דאַכט זיך, אינ'ם אָקעאַן
„אַ וואַלפיש אַ טיטאַן,
„וואָס רודערט אויף די תהום'ען —
„דאָך וועמען פון די פישען וועט
„גאָר איינפאַלען אין מאַרך,
„דעם וואַלפיש געבען כבוד אַלס מאָנאַרך,
„און טיטולירען „מאַיעסטעט" ? . . .
„און ד אָ ס אַלץ, ברידער, זיינען רעזולטאַטען
„פון וואָס מיר זיינען דעמאָקראַטען —"
געענדיגט האָט דער רעדנער זיין ערקלערונג.

„איך זעה ניט אַיין דאָס גליק
„פון אונזער רעפובליק" —
האָט פּראָטעסטירט אַ קלוגער הערינג —
„דער גרויסער דאָ ווי דאָרט
„איז פאַרט,
„אַ קעניג און אַ'ן אויטאָקראַט,
„אויב ניט אין נ אָ מ ע ן איז אין ט ה א ט..."

דאס צינגעל און די וואגשאלען

דאָס צינגעל שטעהענדיג אין מיטען וואָג,
אונ שטאַרק צופרידען
וואָסביידע וואָגשאָלען זיך באַלאַנסירען,
טהוט אויפגעראַמט צו זיי אַ זאָג : —
„איך קען אייך גראַטולירען
„מיט אייער דראַנג
„צו גלייכהייט און צו פרידען . . .
„דען שטאַט וואָס איהר האָט לאַנג
„זיך אום דעם ראַנג
„געשטריטען,
„און מיך, דעם רודף שלום,
„געוואָרפען כף הקל'
„ווי צוויי דערבייזערטע טייוואָלים —
„איצט שטעהט איהר ברידערליך עגאַל,
„און איך אין מיטען
„שטעה פול מיט פרייד און קוועל,
„וואָס ענדליך איז געענדיגט דער דועל . . . "

געענטפערט האָבען אין דועט
די וואָגשאָלען מיט בייסענדען געשפעט : —
„אונז קומען שבחים זעהר ווייניג

„פאַרוואָס מיר זיינען כ ל ו מ ר ש ט איינ̇יג . . .
„דען איצטער אויך נאָך אין דער טהאַט,
צו זיך ציהט יעדער צד,
„און שטילערהייד
„געהט פאָר
„דער אַלטער ספאָר,
„און איז אַרויסצושפּרינגען גרייט . . .
„דאָך קיינער קען ניט איבערוועגען
„די זייט אַנטקעגען
„אַפילו אויף אַ האָר די ברייט . . .
„און דאָס וואָס זעהט ווי פריינדשאַפט אויס לפנים,
„איז בלויז דער ב אַ ל אַ נ ס י ר ט ע ר ק אַ מ פּ ף
פון שונאים . . .”

דער פוקס און די מאַסקע

(נאָך עזאָפּ).

אַ פוקס, געפינענדיג אַ מאַסקע ליגען
דעם איינדרוק האָט געקריגען,
אַז ס'איז דער שאַרבען פון אַ נפטר,
און ער האָט אַ פאַרטיעפטער
גענומען קלערען
און אַלערליי השערות אויספּרובירען:
צו וועמען האָט דער קאָפּ געקענט געהערען? . . .

ער קוקט אַריין
אַוואו דער מאָרך האָט געזאָלט זיין —
ניטאָ קיין זכר פון געהירן . . .
ס'איז פּוסט
ווי אין אַ פאַס . . .
דערפאַר האָט ער געטראָפען,
אַ גרויסע מויל וואָס איז געווען אָפען . . .
דער פוקס, ווי אַייך איז אַלעמען בעוואוסט,
געהערט ניט צו דעם קלאַס
פון די נאַראָנים,
און נאָך אַזעלכע צוויי סימנים
געוואָרען איז איהם קלאָר ווי טאָג,
אַז ס'איז דער מוח און דער פּנים,
פון אַ'ן אָראַטאָר־דעמאַגאָג . . .

דער לוח

אַ לוח אָנגעפּראָפּט מיט ריכטיגע
אינפאָרמאַציאָנען,
(אַזוינע וויכטיגע
אַ שטייגער,
ווי, פיעל מינוטען אויפ'ן זייגער,
די זונן פאַרגעהט קורצפרייטאָג, אָדער
ווען עס פאַלט דער מולד אוים, ראש חדש אדר) —
פלעגט אַ געשפּרעך ניט פיהרען קאָנען,
אַוואו ער זאָל אייך ניט דערמאָנען,
ווי פּינקטליך און געניו איז זיין ידיעה . . .
אַזוי, למשל, פלעגט ער געבען אייך אַ זאָג:
„אין יענעם און אין יענעם טאָג,
„אַ שטונדע מיט אַ פערטעל נאָך דער שקיעה,
„אַזוי פיעל יאָהר נאָך „גזרת ת"ח . . . "
און נאָך אַזאַ פראָלאָג,
גענומען האָט ער ליפערן,
אַ לאַנגע רייהע
פון דאַטען און פון ציפערן,
וואָס ניט געלעגען אייך איז
אפילו אין דער לינקער פאה,
און האָט ניט מיט דעם עצם פון דער זאַך
געהאַט די מינדסטע שייכות . . .

און קיינעם וואָלט עס ניט געאַרט,
דען ווער ערוואַרט
צו הערען עפּעס אַנדערס פון אַ לוח ?
איז אָבער מיט'ן קאַלענדאַר
געוועזן דער גזר,
וואָס ער האָט דוקא זיך געשפּאַרט
צו ווערען אַ פיגור
אין קלאַסישער ליטעראַטור . . .
ביז איינמאָל אין אַ היציגען ויכוח,
זיך האָבען וויציגע אויטאָרען
גענומען צו דעם בעל־זכרון . . .

איך קען אייך ניט אין גאַנצען איבערזאָגען,
דעם טעקסט
מיט וועלכען מ'האָט דעם פאַקטען־שפּריצער,
פון אַלע זייטען אָפּגעצוואָגען,
נאָר דאָס געוועזען איז דער קיצור : —
דו מעגסט
פּראָפעסאָר לוח, זיין מיט צ י פ ע ר פול,
דער פּסול
איז אָבער, וואָס דו ביסט אַליין אַ נ ו ל . . .

דעם פודעל־הונד'ס התפעלות

(נאָך לעסינג).

א פודעל וועלכער איז מרחקים דורכגעלאָפען,
האָט זיינע ברידער אָנגעהויבען שטראָפען:
„איהר מעגט באַגראָבען זיך פון שאַנדע,
„אין אייער גאַנצער באַנדע
„איז איינער ניט פאַראַן
„וואָס זאָל זיך קענען מעסטען,
„מיט יענע הינד וואָס כ'האָב באַגעגענט
„אין אַ געווויסער געגענד,
„ווען כ'בין געווען אין הינדוסטאַן . . .
„פאַראַנען דאָרטען
„אַ סאָרט פון כאָרטען,
„וואָס האָבען אַזאַ מוטה אַ פעסטען,
„אַז איינמאָל (כ'בין געווען אליין אַ'ן עדות
„און ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויל)
„גיט חברה זיך אַ הייב,
„און איז ניט פויל
„אַרויפצופּאַלען אויף אַ לייב . . . "

„און דאַן איהם האָבען זיי באַצוואונגען?"
אין מגיד'ס רייד איז
אַ פלינקער הונד אַריינגעשפּרונגען.

„דאָס ווייס איך ניט אויף קלאָר" —
האָט פאָרגעזעצט דער רעדנער מיט אַ ביל —
„אַ לייב באַצווינגען איז ניט קינדערשפּיעל . . .
„דאָך שטעלט אַייך פאָר,
„וויפיעל קוראַזש
„מע דאַרף באַזיטצען, אַזש
„צו אַטאַקירען
„דאָס מעכטיגסטע פון אַלע טהיערען . . ."

„אויב דאָס איז זייער גאַנצער קונץ" —
געענטפערט האָט דער עולם אין אַ כאָר
דעם פרעדיגענדען חבר —
„דאַן זיינען יענע הינט אַ האָאר ניט ב ר אַ ו ו ע ר
„נאָר נ אַ ר י ש ע ר אַ סך פון אונז . . ."

די רעגענטראָפּענס און דער פעלז

פון רעגענטראָפּענס האָט דער פעלז געלאַכט:
„איז טאַקי אמת אַז איהר וואָגט צו דענקען,
„אַז ס'ליגט אין אייער מאַכט,
„אַראָפּצושווענקען
„אַ טהייל פון מ י ר, וואָס לאַך זיך אויס
„פון שטאַרקסטען שטורעם'ס ברויז,
„און בין אַזוי מאַסיוו געבויט,
„אַז קיינמאָל האָט אַפּילו ניט דער בליץ,
„געלאָזט אַ קריץ,
„אויף מיין פאַרהאַרטעוועטער הויט? ..."

די טראָפּענס האָבען שטיל דעם שטיין פערטרויט:
„ס'האָט קיינער ניט פון אונז'רע ברידער,
„די מינדסטע האָפּט באַזונדערס,
„דאָך האָבען מיר מיליאָנען
„לעגיאָנען,
„און ווען מיר קאָנען
„ניט אויפטהאָן היינט קיין וואונדערס,
„דאַן קומען מיר אויף מאָרגען ווידער,
„און הויבען אָן די אַרבייט פון דעם ניי...
„מיר פרעגען ניט ווי לאַנג עס דאַרף געוועהרען,

„אין ניט, פיעל יאָהרען זיינען שוין פערביי,
„און מעגסטו נאָך ווי האַרטנעקיג זיך וועהרען,
„וועסט סוף כל סוף
„ניט אויסמיידען די שטראָף,
„און וועסט אַ קרבן פון די טראָפּענס ווערען״ . . .

די גריל און די נאכטיגאל

(נאָך לעסינג).

אַ גריל
בעהאַלטען צווישען הויכע זאַנגען,
וואָס האָט פאַרדולט דעם קאָפּ,
מיט איהרע כלומר'שטע געזאַנגען —
רופט איינמאָל צו דער נאַכטיגאַל זיך אָפּ:

„גיב צו כאָטש אַז מיין סטיל,
„פון דיינעם איז פיעל פּאָפּולערער,
„און צווישען אַרבייטער פון פעלד,
„האָב איך די גרעסטע צאָהל פאַרעהרער,
„דען זיי געפעלט
„אין צייט פון שניט,
„מיין היימיש ליעד
„פיעל מעהר ווי דיינע הויכע געזאַנג . . .
„דערצו געדענק,
„אַז די באַוואונדערענדע הערער
„וואָס איך פאַרמאָג,
„געהערען
„צו יענע קלאַסען, וועלכע זיך ערנעהרען

„מיט פראַצע און מיט שווייס אויף זייער שטערן . . .
„און זייער מיינונג האָט ממילא
„די גרעסטע וואָג . . . ״

געענטפערט האָט דער טרובאַדור
פון דער נאַטור,
צוגיסענדיג זיך אויף זיין זיסער כלי : —
„איך וועל דיין וואָרט ניט ווידערשפּרעכען
„וואָס אַנבעטרעפט די אַרביימס־מענער,
„איך רעכען
„אַז זיי געהערט די גרעסטע אַכטונג,
„פאַר זייער עהרליכקייט און ענערגי . . .
„דאָך ווען עס קומט צו דער באַטראַכטונג
„פון הלכות מלאָדי
„און טענער —
„דאַרט העלפען ניט מאַזאָליעס אויף די פינגער,
„און אורטהיילען נאַר קענען די,
„וואָס זיינען קענער
„און מומחים אויף אַ גוטען זינגער . . . ״

די וועטער־פאהן און דער זייגער

די וועטער־פאָהן אויף אַ געוויסען טהורעם
האָט זיך בעריהמט מיט איהר נביאות,
און האָט געזאָגט אַז זי איז
די איינציגע וואָס וויזט געגוי די ריכטונג,
וואוהין עס בלאָזט דער שטורעם,
און קוים זיך מאַכט אין וועטער נאָר אַ נייס,
האַלט זי עס גלייך פאַר איהר פאַרפליכטונג,
מיט פלינקען פליים
די וועלט דערפון צו לאָזען וויסען . . .

דער שטאָדט־זייגער, פון איהר ניט ווייט
(וואָס האָט געוויזען אַקוראַט די צייט)
האָט איהרע טענות דורכגעריסען : —
„איך מוז, זיי מוחל, דיך פאַרריכטען,
„ניט ד ו דריקסט אוים גענוי דאָס וועטער,
„דערויף איז דאָ אַ באַראָמעטער . . .
„דו ווייסט בלויז אַלע ווינטען נאָכצוטאַנצען,
„און דאַן דאָס אָנרופען ב ע ר י כ ט ע ן . . .
„אַ ראיה האָסטו, ווען עס טרעפט,
„אַז שטילע צייטען קומען אָן,
„דאַן שטעהסטו ווי געפלעפט,
„און ווייסט אין גאַנצען
„מיט זיך ניט וואָס צו טהאָן . . . ”

דער האהן און דער פערל

(נאָך לאַפאָנטען).

אַ האָהן זיך גריבלענדיג אין מיסט
מיט פליים,
האָט דאָרט דערוויסט
אַ פערעל פון אַ הויכען פרייז,
און נאָך אַ קורצען ביים
האָט ער אַוועקגעשליידערט איהם אויף גיך . . .
דערביי האָט ער גערעדט צו זיך
זיך קרימענדיג פון עקעל : —
„אַזאַ מין נישטיג ברעקעל,
„און איך האָב נאָך צוערשט
„געמיינט, להבדיל, ס'איז אַ ג ע ר ש ט...״

דער פארזיכטיגער פוקס

(עזאָפּ־לאַפאָנטען).

פאַרגלוסט זיך האָט דעם לייב, צו טהאָן
א קוק אויף זיינע אונטערטהאַנען,
און ער האָט אויסגעשיקט שטאַפעטען
אין איטליכען ראַיאָן
וואו ס'זיינען נאָר פיער־פיסיגע פאַראַנען,
און זיי געלאָזט פאַרבעטען
אויף כבוד אין זיין שלאָס . . .

דער ערשטער איז געקומען אויף בעזוך
א בער, דאָך קוים האָט ער באַטרעטען
די שוועל,
האָט איהם אין נאָז
געטהאָן א שנעל.
דער שרעקליכער גערוך
פון די נבלות
מיט וועלכע אָנגעפילט געוועזן די הייהל איז,
און ער האָט מיט א פלוך
זיך ביידע נאָזלעכער פאַרדריקט . . .

דער וואַלד־באַהערשער האָט באַמערקט די תנועה,

און אָהן אַ שום באַקלערען,
דעם עזות פּנים אָפּגעשיקט,
אין דעם גן־עדן פון די בערען
אויף אויב׳גע רוהע . . .

דער אַפּע האָט דעם לייב געגעבען רעכט :
„באַגעהן אַזאַ מין חטא״ —
האָט ער גערעדט —
„האָט נאָר געקענט דאָס בערישע געשלעכט . . .
„ווי נעהמט מען עס און מע פאַרשוועכט
„דעם קעניג׳ס מאַיעסטעט ? . . .
„דערצו נאָך וועמען ? אַ י י ך . . . אַ צדיק תמים,
„וואָס האָט אַ שם פאַר גרויסמוטהיג און נאָבעל . . .
„און אויסער דעם איז
„דער ריינער אמת,
„אַז דער גערוך פון אייערע פּאַלאַצען
„איז גאָרניט אָפּצושאַצען . . .
„דער דופט פון רויזען און פון בשמים
„איז קעגען איהם, ווי דער גערוך פון קנאָבעל . . .״

אַזאַ מין גראָבען שקר,
האָט ניט דער לייב געקענט פאַרטראָגען,
און האָט אָהן צערעמאָניעס אָפּגעשלאָגען
כּפּרות מיט דעם אונטערלעקער . . .

„און וואָס זאָגסט ד ו ? —
געוועגדעט האָט זיך צו
דעם פוקס, דער שטרענגער אימפּעראַטאָר,

נאָך זיינע צוויי משפּטים —
„איך וויל דעם ריינעם אמת וויסען . . . ״
דער דורכגעטריבענער פּיקח
האָט אָנגעהויבען פּלוצלונג ניסען . . .
„איך האָב, אדוני מלך, קאַטער״ —
האָט ער געזאָגט דערכאַפּענדיג דעם אָטהעם —
„און האָב נישט כלל קיין חוש הריח . . . ״

דער טהאָל און דער באַרג

צום שטאָלצען שנעע־געקרוינטען באַרג,
האָט שמאַכטענדיג דער טהאָל אַרויפגעבליקט,
און מיט באַוואונדערונג זיך אויסגעדריקט : —
„ווי שטארק
„געשאַפען דיך די געטער האָבען !
„ווי וואונדערבאַר דיך האָבען זיי באַגליקט ! . .
„די ריינסטע ווינטען לאָבען
„פון פריה ביז שפעט דיין קאַרג . . .
„און דאַן
„ווען איבער מיין געזיכט
„נאָך קריכט
„דער גראָער נאַכט־טומאַן,
„שוין פאַלט אויף דיר דאָס ליכט
„פון דער ערוואַכענדער אויראָרא,
„און ציערט דיך מיט אַ גאָלדענער עטרה...

„דאָך איך באַצאָהל" —
געענטפערט האָט דער באַרג דעם טהאָל —
„פאַר די מתנות מיט אַ הויכען פרייז . . .
„איך בין
„קיינמאָל ניט פול מיט לוסטיגקייט און גרין,

„ווי ד ו ביזט צייטענווייז,
„און ווען איך שטעה אַ ליכט־באַגאָסענער
„צום ה י מ ע ל גאוה'דיג געקעהרט,
„בין איך צוגלייך אַן אויסגעשלאָסענער
„פון אַלע פריידען פון דער ערד,
„און א י י נ ז אַ ם ווי אַריינגעלעגט אין חרם . . .
„ד י ר פעהלען קיינמאָל ניט חברים —
„דו האָסט די קליינע בלומען ;
„דו האָסט די פויגלעך וועלכע שיטען
„דיין אויער אָן, מיט טרעלען און מיט קלאַנגען ;
„דו האָסט די ביענען וועלכע זומען
„אַרום די בליטהען . . .
„איך, אָבער, בין פאַר זיי צו הויך און גרויס,
„און מיינע קאָמפּאַניאָנען זיינען בלויז
„די אויביג־נאָגענדע פאַרלאַנגען,
„צו קענען ביז די שטערען אַזש דערלאַנגען . . .״

דער הונד וואס האט זיך געיאגט נאך א שאטען

(נאָך עזאָפּ).

אַ הונד וואָס האָט אין זיינע צייהן,
געהאַלטען פעסט אַ פעטען ביין,
איז מיטגעפאָהרען אויף אַ פּראָם,
און זעהענדיג אין וואַסער'ס תהום
אַ שאָטען
פון אַ געשמאַקען קנאָכען,
איז זיינער איהם ניט מעהר אין האַלז געקראָכען,
און לאָזענדיג זיין ביסען פאַלען
אַריינגעשפּרונגען איז ער אין די וואַלען
צו כאַפּען יענעם זיסען בראָטען...

זיין שטראָף געווען איז אויגענבליקליך:
ער איז געווען גליקליך,
אַ הונגעריגער און אַ נאַסער
אַרויסקומען כאָטש לעבעדיג פון וואַסער...

דער פוקס אלס רעפארמאטאר

(נאָך עזאָפּ).

אַ פוקס האָט פון אַ פּאַסטקע׳ס קלעם,
גערעטעט זיך דורך דעם
וואָס ער האָט נאָכגעלאָזט זיין עק
אַלס סואוועניר,
און איז אַליין אַוועק
געפינען אַ געראַמערע קוואַרטיר.

ווי יעדער איינער קען פאַרשטעהן,
געקרענקט דעם פוקס האָט ביז׳ן ביין
צו ווייזען פאַר דער וועלט זיך אָהן אַ ווידעל,
און אויף דעם נעקסטען פיקס־קאָנגרעס,
האָט ער באַמערקט (נאַטירליך זעהר איידעל)
אַז טראָגען עקען איז אַ מאָדע
וואָס שטאַמט פון אַ באַרבאַרישער פעריאָדע,
און דאַרף ביי היינטיגען פּראָגרעס,
ניט לענגער עקזיסטירען . . .

„כדי מיר זאָלען ווי עס דאַרף זיין
„די פראַגע קענען דיסקוטירען" —
האָט פאָרגעלעגט אַ קאַמעראַד

מיט שאַרפזינן —
„וואָלט ניט געשאַדט
„דער ווירדיגער קאָלעגע,
זאָל אויף אַ רגע
„זיך אומדרעהען במחילה . . . "

דער פוקס האָט ניט געוואַרט
אויף כבוד פון דער קהלה,
און האָט זיך האסטיג אָפּגעשאַרט,
בעטריבט און נידערשלאָגען . . .

און עקען ווערען נאָך ביז יעצט געטראָגען . . .

דער פוקס און די פישען

(פון מדרש).

אַ פוקס, וואָס איז געווען געוואוינט
צו געבען עצות, סאַי מען פרעגט
סאַי ניט,
(בעזונדערס ווען דער עסק האָט געלוינט
און ער האָט פון זיין אייגענעם פּראָיעקט
געהאָפּט צו ציהען אַ פּראָפיט) —
געשטאַנען איז ביים וואַסער'ס ברעג,
און זעהענדיג די פישען לויפען,
אין ציטערנים און שרעק
מען זאָל זיי ניט חלילה פאַנגען,
האָט ער אויף זיין געוואוינטען אופן
זיי איינצורײדען אָנגעפאַנגען: —

„איהר נאַררען,
„וואָס טויג אייך דאָ צו לעבען אין געפאַהרען,
„אַז מעהר,
„קומט אויפ'ן ברעג אַהער,
„און איהר וועט זיך בעפרייען,
„פון אַלערליי פאַרפאָלגונגען און גזר'ען . . . "

א קלוגער שלייען

וואָס האָט אין לעבען פיעל ערפאַהרען,
געענטפערט האָט אין אַל'מענס נאָמען :
„אויב אין די טייכען און די שטראָמען
„וואָס האָבען אונז אַזוי פיעל יאָהרען
„געגנעהרט,
„(צי שלעכט צי גוט)
„ניט זיכער זיינען מיר אויף איין מינוט —
„היינט וואָס וואָלט שוין פון אונז געוואָרען,
„ווען מיר בעזעצען זיך אויף דר'ערד ?
„דאָרט קענען מיר זיך גיכער ריכטען,
„מע זאָל אין גאַנצען אונז פערניכטען . . . "

א שעפּס א'ן אדוואקאט

אַ שעפּס אַ פילאָזאָף
וואָס צווישען אַלע שאָף
גע'שם'ט האָט שטאַרק מיט זיין למדנות
אין אַלערליי זאַקאָנעס
פון בהמות און פון חיות —
האָט אָבגעאַרבייט טעג און נעכט,
און אויפגעשטעלט אַ ליסט פון צעהן צי צוועלף
אונצווייפעלהאַפטע ראיות,
אַז קיינער פון די וועלף,
האָט ניט דאָס מינדסטע רעכט
אַ מיטגליעד פון דער סטאַדע צו פאַרלעצען . . .

און איינמאָל אין אַ קאַלטער נאַכט פון שבט,
ווען וואָלפזאָהן איז געקומען אויף וויזיט,
איז, אָנגעוואָפּענט מיט געזעצען,
אַרויס אַנטקעגען איהם דער אַדוואָקאַט,
מיט פעסטע טריט,
און זעהענדיג דאָס בילד,
ווי ער וועט באַלד דעם אַנטי־שעפּס בעזיעגען,

האָט ער פּאָראויס געפיהלט
אַ מאָדנעם פערגעניגען,
און פּשוט מיטלייד מיט'ן וואָלף געהאַט . . .

דער וואָלף (וואָס איז געוועזן פון נייעם סאָרט
און האָט געגלויבט
אין פרייהייט פונ'ם וואָרט)
האָט איהם ערלויבט
צו טענה'ן פיעל ער וויל,
און שעפּסעל האָט אַ שטונד כסדר,
געברויכט זיין בעסטען סטיל,
און ווי אַ דורכגעמאַכטער ריידער
זיך אויסגעשפּראָכען אַזוי קלוג און וויציג,
און מיט אַזוי פיעל הארציגען געפיהל,
אַז אַלע לעמער האָבען היציג
געמעקעט „בראַוואָ",
און פון בעוואונדערונג און אהבה,
געגעבען זיך אַ נדר,
פאַר איהם צו שטימען ביי דער נעקסטער וואַהל
אַלס אָלדערמאַן פון שעפּסען־שטאַל . . .

דער וואָלף האָט אָפּגעוואַרט דאָס ענד
פון דעם אָפּלאָדיסמענט . . .
דאַן, נעהמענדיג דעם רעדנער ביי'ן גרגרת,
איהם איינגעשושקעט האָט ער זאַכט :
„האָסט שעהן באַשפּראָכען דעם אינטערעס ;
„דיין לאָגיק איז אַ פּראַכט . . .

„און ס'איז געווען אַ תענוג דיך צו הערען.
„דאָך, נאַרעלע, וואָס טויג מיר דרך ארץ
„צי יושר,
„ווען כ'האָב אַ שעת הכושר...
„און קאָן דיך אָהן אַ תירוץ
„מיט האַק און פּאַק פאַרצעהרען..."

דער קרוג און דער געלד-בייטעל

(פון תלמוד)

געטראָפען האָט אז אין אַ קרוג
וואָס איז אין פלוג
געווען געמאַכט פאַר וואַסער אָדער מילך)
איז, דורך אַ צופאַל אָדער נס,
אַריינגעפאַלען אַ דוקאַט,
און תיכף איז דאָס ליימענע געפעס
געוואָרען גאָר אַ גאַנצער כוואַט,
און האָט זיך מיט אַזאַ מין הילך
צוקלונגען,
אַז דער וואָס האָט דעם חפץ ניט געקאָנט
פון נאָהנט,
האָט פון דעם ליאַרעמדיגען טאָן
געדרונגען,
אַז דאָרט זיינען אימפעריאַלען
אַריינגעפאַלען,
אודאי אַ מיליאָן . . .

דערביי איז אויפ'ן טיש געלעגען
אַ בײַטעל אָנגעפאַקט געדיכט
מיט רענדלאַך שיכט אויף שיכט,

וואָס האָט פון זיין באַהאַלטענעם פאַרמעגען
אפילו ניט ארויסגעלאָזט אַ קלונג . . .
דאָך ווען ער האָט דעם קרוג געהערט
אַזאַ מין ליאַרעם מאַכען,
און מיט אַזאַ פאַרשייטער צונג
זיך ריהמען,
האָט ער צו איהם זיך לאַכענדיג געקעהרט.
„אויף צוויי באַשטימטע זאַכען
„איז מיר דיין פילדערען אַ סימן" —
האָט ער צום לעהם געזאָגט —
„ס'איז קודם אַ באַווייז,
„אַז די מטבע איז ביי דיר אַ נייס,
„און דו האָסט פריהער זעלטען
„צי קיינמאָל ניט, פאַרמאָגט
„קיין געלטען . . .
„און דאַן דערקענט מען אויפ'ן שטעל,
„פון וואָס דו טומעלסט אַזוי הויך,
„און ביסט די גאַנצע וועלט מבטל,
„אַז איצטער אויך
„פאַרמאָגסטו ביי דיין לייב און זעעל,
„ניט מעהר ווי א י י ן דוקאַטעל . . ."

די פליעג וואס האט געזוכט אונ־שטערבליכקייט

אַ'ן אומרוהיגע פליעג,
אין איהרע וואַנדערייען דורך אַ צימער,
האָט אויפ'ן טיש באַמערקט אַ שטיק
בורשטין,
אין וועלכען איינע פון איהר מין
געלעגען איז פאַרבאַלזאַמירט,
אויף אייביג און אויף אימער . . .

זינט דאַמאָלס האָט די קליינע פאַנטאַזירט,
פון דער א ו נ ש ט ע ר ב ל י כ ק י י ט פון פליעגען,
און האָט אַליין אַ שטאַרקע לוסט געקריגען,
אונשטערבליך זיך צו מאַכען,
און גאַנץ באַגינען אין דער פריה,
ווען זי
פלעגט פון איהר שלאָף ערוואַכען,
און שפּעט ביי נאַכט,
האָט נאָכאַנאַנד די פליעג געטראַכט,
ווי צו דערפילען איהר באַגעהר.

זי איז ניט מעהר,
געפלויגען הין און הער,

געניסענדיג איהר ביסעל זונענשיין,
זי האָט פאַרגעסען
אפילו עסען,
און נעהמען אין איהר מויל אַריין
אַ זופּ,
און האָט זיך אַזוי לאַנג געקוועלט,
ביז זי איז פון דער וועלט
געגאַנגען דורך אַ פריהען טויט,
און מ'האָט זי אויסגעקעהרט פון שטוב,
צוזאַמען מיט'ן קויט . . .

אַ הייפעל חבר'טעס געטרייע
וואָס האָבען גוט די פליעג געקענט,
איז נאָכגעפלויגען נאָך דער לויה,
בעוויינענדיג איהר ענד,
און איינע האָט מיט אומעט
געזשומעט : —

„שוין מעהר ווי איינער איז געשטאָרבען,
„אַ קרבן
„פון וועניג מאַכט און פיעל פאַרלאַנגען,
„שוין מעהר ווי איינער האָט געגאַהרט,
„צו די אונשטערבליכע באַלאַנגען,
„און אויסער וואָס ער האָט זיך ניט דערוואָרבען,
„די לאַנגע צוקונפט וואָס ער האָט ערוואַרט,
„האָט ער פאַר זיך די קורצע געגענוואַרט,
„אומזיסט־אומנישט פאַרדאָרבען . . . ״

די ווינדמיהל און דער אדלער

א ווינד־מיהל האט מיט בייזען נייד
געזעהן א'ן אדלער פליהען,
מיט פליגלען ברייט
צושפרייט,
און האט צו איהם ארויפגעשריען :
„דו טראגסט זיך מיט א שטאלצען קאפ
„ארום אין הויכען אויר,
„ווי דו וואלסט זיין מיט וואלקענס חבר־לאוער,
„דאך קום אקארשט אראפ
„אהער,
„און טהו מיט מ י י נ ע פליגלען זיך א מעסט,
„און דו, במחילה, וועסט
„ניט אויסהאלטען עקזאמען . . .
„דען איינער מיינער האלט אין לענג פיעל מעהר,
„ווי דיינע צוויי צוזאמען,
„ניט רעדענדיג שוין פון דער צאהל,
„דען איך האב צוויי פאאר אויף א מאל,
„און דו, ניט מעהר ווי א י י נ ס סך־הכל . . . "

דער אדלער האט מיט שטאלץ
באטראכט דעם קאמישען ספעקטאקעל,

פון אַ געטריב׳נער מיהל,
געבויט פון האָלץ,
וואָס וויל
צום פרייען שווימער פון די הימעל־רייכען
זיך גלייכען,
און האָט זיין ענטפער איהר אַראָבגעלאַכט:
„ווען דו זאָלסט אַרבייטען אין צווייען,
„מיט אַלע כחות טאָג און נאַכט,
„וועסט דו זיך תמיד אין אַ צירקעל דרעהען...
„און פיעל דו זאָלסט ניט מאָהלען,
„וועסט נאָכאַנאַנד
„זיך ווידערהאָלען,
„און בלייבען אויף דעם זעלבען שטאַנד..."

דעם בלינדעןס קל וחומר

צוויי אָרימע לייט,
א זעהעדיגער און אַ בלינדער,
אַמאָל אין זומער־צייט,
געקויפט בשותפות האָבען,
אַ מעסטעל קאַרשען זייער האַרץ צו לאָבען,
און האָבען אויסגענומען הייליג,
אַז קיינער זאָל ניט קריגען מינדער,
און קיינער מעהרער פון זיין חלק,
און יעדער פון די שותפים זאָל
בלויז איין קאַרש נעהמען אויף אַמאָל . . .

אַ קורצע ווײַלע
לויט אָפמאַך האָט מען זיך געטהיילט,
ביז אונזער בלינדער שלינגער
וואָס האָט געהאַט די מעלה
פון לאַנגע פינגער,
האָט, ווי זיין מנהג, „זיך פאַרצעהלט”,
און אין זיין מויל געפּאַקט,
צוערשט צו צוויי, און דאַן צו דריי . . .
פאַרגעסענדיג אין גאַנצען דעם קאָנטראַקט.

דאָס שעהנסטע אָבער איז געווען דערביי,
וואָס ער אַליין האָט ענדליך,
(ווען ער איז שוין געווען פול)
גענומען שרייען קאַראַאול,
אַז זיין קאָלעגע האָט איהם שענדליך,
באַשווינדעלט און באַרויבט . . .
און (לויט זיין ב ל י נ ד ע ן קוק)
גע'טענה'ט האָט ער זייער קלוג : —
„אויב דו האָסט מיין בעטרוג
„ערלויבט,
„און ניט געוואַגט אַ וואָרט צו זאָגען,
„האָסט דו אָהן צווייפעל,
„גע'גנב'עט כפל,
„און מיך געווים נאָך מעהר באַטראָגען . . .״

א חיה אויף דער לבנה

(נאָך לאָפאָנטען).

א'ן אַסטראָנאָם וואָס האָט געוויסענהאַפט
שטודירט די אייגענשאַפט,
דאָס אויסזעהן, און די מאָס
פון יעדען הימעל־קערפּער, דורך זיין גלאָז —
האָט איינמאָל ביי דער נאַכט, אַנטפּלעקט
אַ גרויסע חיה וועלכע זיך באַוועגט
אויף דער לבנה, סאַמע אין דער מיט.
און גלייך אויף מאָרגען האָט דערמיט,
די גאַנצע וועלט געקלונגען . . .
פּאָעטען (הונגעריג נאָך נייע שטאָפען)
בעפאַלען זיינען ווי אַ כשר'ע מציאה,
די וואונדער־בריאה,
און האָבען זי באַזונגען,
אין שעהנע קלינגענדיגע סטראָפען ;
נאַטור־קענער און פילאָזאָפען
די מוחות האָבען זיך געשליפען
מעת לעת'ן נאָך דער ריה,
און איטליכער פון זיי
געגעבען האָט דעם זעלטענעם פענאָמען
אַ נאָמען,

לויט זיינע אייגענע באַגריפען.
אוּן ביי די פרומע איז געבליבען פעסט
אַז ס'ווייזט מסתמא,
אויף פעסט
צי אויף מלחמה . . .
דער כלל, די גאַנצע וועלט איז טעג און וואָכען,
געגאַנגען האָדאָראָם . . .

איין מאָרגען אָבער האָט דער אַסטראָנאָם
געכאַפּט זיך אָהן זיין אירטהום,
ענטדעקענדיג אין טעלעסקאָפּ אַ שכן
וואָס האָט ניט ווילענדיג פאַרפיהרט איהם : —
אַ קליינע מילב איז דאָרט אַרומגעקראָכען . . .

די ביען און די שפין

(בעארבייט).

א גאָלד־געפּאַרבטע ביען
(פון יענעם מין
וואָס טהוט אויף אַרבייט אָהן א שיעור)
איז דורך אַ'ן אויפגעמאַכטע טהיר,
אַריינגעפלויגען אין אַ צימער,
און טאַנצענדיג אין זונענשימער
געזשומעט מיט אַ פרעהליכען געמיטה . . .

איהר טאַנצען אָבער און איהר זשומען
איז קענטיג ניט בעקומען
דער גראָער שפין אין ווינקעל פון סופיט . . .
און וויגענדיג זיך אויף איה.״ זיידען־בעט,
מיט גאוה האָט זי פון דער ביען געשפּעט : —
„וואָס מאַכסטו דאָ אזא פוראָר ?
„אַ גאַנצע טאָג נאָר פליהסטו אום,
„און לאַטכעסט פון אַ ליאַדע בלום,
„אַ לעק פון דאָ, אַ שמעק פון דאָרט,
„און האָסט דיין אייגענס ניט אַ האָאָר . . .
„אָט זעהסטו, איך בין פון אַ'ן אַנדער סאָרט,
„איך טראָג אין לייב מיין גאַנצע וועבעריי,

„און יעדער פאָדעם וואָס איך פלעכט,
„אין מיין געביי,
„איז מיינס מיט רעכט . . . "

„איך וועל מיט דיר ניט שטרייטען" —
האט איהר די ביען געענטפערט שאַרף —
„ס'איז אמת אַז איך נאַש פון אַלע זייטען,
„און נעהם די שטאָפען וואָס איך דאַרף
„אַוואו נאָר איך געפין,
„דערפאַר ביי מיר אין נעסט
„ווערט אויסגעפּרעסט
„דערפון אַ שעהנע האָניג צעל,
„פאַר גאָט און לייט אַ פאַרגעניגען,
„און דיין געשפין
„הגם אָריגינעל,
„טויג מעהר ניט ווי צו כאַפּען פליגען . . . "

דער דאַרער הונד

א דאַרער הונד, אַ קודלעוואַטער
און קענטיג ניט קיין איבריגס זאַטער,
געשטאַנען איז ביים אײַנגאַנג פון אַ דאָרף,
און ווער עס האָט זיין תחום באַטרעטען,
האָט ניט געקענט פון איהם זיך רעטען
מיט גוטע ווערטער אָדער גלעטען . . .
דער כלב פלעגט זיך טהאָן אַ וואָרף
און מיט אַזאַ רציחה בילען
אַז ס'פלעגט דאָס לעבען ווערען פריקרע . . .
און ס'האַרץ פלעגט איהם ניט שטילען
אַוואו ער פלעגט ניט נעהמען מעשר
פון יענעם'ס איקרע,
צי קירצער מאַכען יענעם'ס הויז . . .

נאַטירליך איז אין יענער לאַנדשאַפט,
דער חשק, מיט דעם פאָלע־רייסער
צו מאַכען נעהנטערע באַקאַנטשאַפט
געווען ניט זעהר גרויס,
און ווי אַ פייל
פון בויגען
איז איטליכער געפלויגען,

דערזעהענדיג דעם סוחר פאַר אַ מייל . . .

דער הונד אַליין האָט אָבער דוקא
זיך זעהר שטאַרק געגרייסט דערמיט,
וואָס בשום אופן
האָט קיינער נאָך אין לעבען ניט,
זיין האַווקע
געקענט באַשטעכען אָדער קויפען,
(הגם עס וואָלטען זיך געפונען קונים)
און ער האָט ט ר י א ו מ פ י ר ט ,
מיט די תחתונים
וואָס ער האָט רואינירט . . .

„דו האָסט זיך ניט מיט וואָס צו גרייסען" —
האָט איהם זיין שטאָלץ צוקלאַפּט אַמאָל
אַ פּאַסטוך־הונד (וואָס פלעגט זיין קול
געברויכען דאָן בלויז ווען ס'איז נוציג) —
„דען אַלע ווייסען
„אַז האַווקען קען דער קלענסטער צוציג . . .
„און וואָס דו לאָזט זיך אין דיין פּרעכבען
„בעפאַל
„פון קיינעם ניט באַשטעכען,
„דאָס טהוסט דו ניט כדי דעם כלל
„צו דיענען,
נאָר פּשוט, ווייל דיין בייזע גאַל
„קען קיינעם ניט אַ טריט פאַרגינען . . ."

דער באַרייזטער קעמעל

א קעמעל וואָס האָט פיעל געררייזט
און דורכגעשפּרייזט,
פון עק צו עק
די וויסטע פון זאַהאַראַ —
געקומען איז מיט גליק
א היים צוריק,
און ווי דער מנהג איז פון די אַלטע טעג,
ווען ס׳קומט אַ׳ן אורח פון אַ ווייטען וועג,
געמאַכט האָט איטליכער פיר איהם אַ וואַרע,
און אָנגעקליבען האָט זיך אַ געזעמעל
פון פרעמדע און בעקאַנטע,
צו הערען די אינטערעסאַנטע
היסטאָריעס,
וואָס מיטגעבראַכט אָהן ספק האָט דער קעמעל
פון די מדבריות
אַוואו ער איז געוועזן . . .

דער גאַסט האָט ניט געצויגען די עצמות,
און האָט אָהן שום הקדמות
אַזוי באַשריבען זיין נסיעה : —
„איך קען

„אייך ראשית ברענגען די ידיעה,
„אַז אין די ניין חדשים אָדער צעהן,
„וואָס ס'האָט געדויערט אונזער רייז,
„געקריגען האָב איך וועניג שפּייז,
„ווער רעדט שוין פון אַ טרונק . . .
„ס'פלעגט טרעפען עפּטערס אַז מיין צונג
„פאַרטריקענט און צובריהט איז
„געווען פון דאָרשט . . .
„אַ חוץ דעם האָט דער זאַמד
„אַזוי געפּלאַמט
„מיר די קאָפּיטעס,
„אַז ס'לעבען פלעגט מיר ווערען נמאס . . . "

„און דאָס איז אַלץ
„וואָס דו האָסט אויסגעפּאָרשט ? " —
האָט אימעצער געפרעגט.

דער קעמעל האָט בתמימות
געוויגט זיין קרומען האַלז,
און אויף זיין קעמעלשען דיאַלעקט
געענטפערט רוהיג : — „איך,
„פאַרשטעהט איהר, האָב בעאָבאַכט ריכטיג
„בלויז דאָס וואָס איז צו וויסען וויכטיג —
„ס'הייסט, דאָס וואָס איז נוגע מ י ך . . . "

דער זומער־פויגעל און דער חריין־וואָרעם

אַ זומער־פויגעל יום־טוב'דיג קאָלירט
אין אַלע פאַרבען פון דעם רעגענבויגען,
איז פונ'ם פרייען פעלד אַריינגעפלויגען
אין גאָרטען,
און דאָרטען
באַזוכט די אַלטע בייט,
אויף וועלכער ער האָט קליינערהייד
אַ וואָרעם־עקזיסטענץ געפיהרט,
אין קעפעל פון אַ קרויט . . .
און וואו ער האָט אַ שוועסטערקינד
דערבליקט,
האָט ער איהם ברידערליך פאַרטרויט,
וואָס פאַר אַ שעהנע וועלט
אין וואַלד און אין לאָנקע זיך געפינט,
און וואָס אַ זומער־פויגעל קריגט
צו זעהן אין פעלד.
אַוואו ער פליהט . . .
און אויסגעלאָזט
זיך האָט זיין ליעד,

אַז יעדער וואָרעם,
ווי שפּל און ווי פּראָסט,
ווי שוואַך און אָרעם
ער זאָל ניט זיין,
מוז האָפֿען און מוז שטרעבען,
זיך ווען־עס־איז אין לעבען
אַרויפֿהויבען צום זונענשיין,
און זעהן דעם הימעל אין זיין גאַנצער גרייס...

נאַטירליך, האָבען אַלע הײם
באַדאַנקט דעם טרייען חבר,
און איהם געוואונשען מזל-ברכה,
פֿאַרוואָס ער איז פֿון הויכען אויר
געקומען קוויקען זיין משפּחה
וואָס לעבט אַזוי געמיין...

איין וואָרעם נאָר, וואָס האָט געמאַכט
זיין דירה אין אַ שטענגעל חריין,
האָט, זיך פֿאַרקרימענדיג, געלאַכט
און צו דעם שמעטערלינג געמורמעלט בייז: —
„מע זעהט בעשיינפּערליך אַז דו אַליין,
„ביסט אָנגעפּילט מיט פּוסטער לופֿט,
„און קיינמאָל ניט געפּרופט
„אַ זאַך שטודירען ביז׳ן דעק...
„איך ווייס
„פֿון זיך,
„איך קריך
„און גראָב אין חריין זיך גאַנצע טעג,

„און גרונטעווע און זוך
„שוין אַזוי לאַנג
„די מאַטעריאַלען פאַר אַ בוך,
„וואָס איך וויל שרייבען איבער מרור,
„און דאָך
„איז פון דעם גאַנצען ענין נאָך
„ניטאָ אַ שום בעגריף אַ קלאָרער
„אין מיין געדאַנק . . .
„און דו קומסט סתם
„צו פלאַטערען
„און ווילסט מיט ש ע ה נ ה י י ט
„די ערד און הימעל פטר׳ען,
„ניט וויסענדיג צומאָל דעם טעם
„וואָס חריין האָט . . . ״

דער ליכטיגער אינזעקט
אַוועקגעפלויגען איז אין אַייל,
און האָט פון שאַנד זיך טיעף אין וואַלד פאַרשטעקט,
און שפּעטער ווען ער האָט די בוימער
דערצעהלט דעם וואָרעם׳ס קל־וחומר,
גענומען האָבען זיי אַזוי שטאַרק לאַכען,
אַז פאַר אַ מייל
געהערט האָט מען די צווייגען קראַכען . . .

דער אַלטער שוך

אַ'ן אַלטער שוך אַ'ן אָפּגעניצטער
אַ'ן אויסגעקרימטער און פאַרשפּריצטער,
איז אויפ'ן טראָטואר געלעגען,
צוזאַמען מיט אַ הויפען אַש,
און פלעגט ער זעהן זיך אויף דער גאַס באַוועגען,
אַ שטאַרקען און געזונדען שוך,
אַ שטיוועל אָדער אַ קאַמאַש,
באַלד פלעגט ער איהם באַגריסען,
מיט דעם באַטריבטען שפּרוך: —
„זיי, ברודער, וויסען,
„דיין געהן און לויפען איז הבל הבלים,
„דען ס'גאַנצע לעבען איז אַ חלום.
„אָט נעהם אַ מוסר זיך פון מיר,
„מיך האָט געטראָגען אַ באַנקיר . . .
„ביי טאָג פלעג איך מיט גאוה שפּרייזען
„אויף בערזעס און אין קאָמערציעלע קרייזען,
„און אבענדס פלעג איך טרעטען
„אויף טהייערע פּאַרקעטען . . .
„און דאַן ווען כ'האָב פאַרלאָרען דעם לאַקיר,
„האָט אָפּגעקויפט מיך אַ'ן אַרטיסט
„(פאַר האַלב אומזיסט)

„און איך פלעג טאָג פאַר טאָג זיך דרעהען
„אין בילדער־גאַלערעען . . .
„און דאָך ווען ס׳מאַכט זיך מיר אַ שאַנס,
„צו ווערען ווידער גאַנץ
„און קומען צו מיין אַלטען גלאַנץ,
„(אין קונסט צי אין פינאַנץ)
„וואָלט איך זיך זעהר שטאַרק באַדאַנקט,
„און וואָלט בלויז רוה און איינזאַמקייט פאַרלאַנגט . . .״

אין מיטען פון אַזאַ מין זאַץ
איז פון דער גאַס אַ בעטלער אַנגעקומען,
און האָט דעם שוך צו זיך גענומען . . .
און אונזער דעקלאַמירענדער קהלת
הגם צוריסען און צופליקט,
און אָהן אַ זכר פון אָפּסאַץ,
געוואָרען אויפ׳ן שטעל איז
ווי מיט אַ נייער הויט באַצויגען,
און איז געווען באַגליקט,
וואָס ער האָט אין אַ קבצן׳ס אויגען
געפונען חן,
און ס׳איז געווען ביי איהם אַ זכות
צו זיין כאָטש אויף אַ בעטלער׳ס פוס,
אַבי צו קענען ווידער געהן . . .

דער ווינד און די בוימער

(נאָך א מדרש).

א שנעלער ווינד געקומען איז צו גאַסט
אין וואַלד,
און כאָטש ער איז געוועזן אין האַסט
און האָט געזאָלט אַוועקגעהן באַלד,
האָט יעדער בוים, פון קליינעם ביז'ן גרויסען,
גענומען רוישען מיט געוואַלד
און אָנדערצעהלען איהם ספּורים,
פון אַלערליי אינטריגעס און סקאַנדאַלען,
וואָס זיינען פאָרגעפאַלען
צווישען איין בוים און דעם צווייטען
(ווייל חברה האָט זיך אָנגעשטויסען,
אַז רייזענדיג אַרום דער וועלט,
מסתמא וועט דער שטורעם
די מעשות אומעטום פאַרשפּרייטען).
און זיך אַליין האָט יעדער פאָרגעשטעלט,
אַלס אויסנאַהם פון אַרומיגען המון,
אַלס סאַמע פּער
און קרוין
און אויבערשטע פון שטייסעל . . .

דער ווינד (וואָס איז באַריהמט,
צו קענען בלאָזען הין און הער
און דרעהען זיך און בייטען,
אויף אַלע זייטען)
האָט יעדען איינעם צוגעשטימט
מיט אַ'ן אינטימען טרייסעל.
דאַן איז ער ווייטער שנעל געפלויגען,
ביז צוגעצויגען
זיין אויפמערקזאַמקייט האָט
אין אַ געדיכטען סאַד,
אַ גרויסער בוים,
מיט רייפע עפּעל אַזוי שווער באַלאָדען,
אַז ער האָט ביז'ן באָדען
זיך אַזש געבויגען,
און האָט דעם אורח קוים,
געשושקעט אַ קבלת פּנים . . .

„איך קום אָקאָרשט פון וואַלד אַריבער" —
האָט איהם דער ווינד ערקלערט —
„און האָב זיך דאָרטען אָנגעהערט
„אַ סך
„אינטריגעס און געשיכטען . . .
„האָסט דו ניט אויך, מיין ליעבער,
„פון דיינע שכנים אָדער שונאים
„אַ קליין סקאַנדאַל'כעל צו באַריכטען ? .
„צי עפּעס וועגען זיך ? . . . אַ שבח ? . . . "

דער עפּעל־בוים האָט זאַכט געוויגט דעם קאָפּ :

„איך גיב זיך צופיעל אָפּ
„מיט מיינע פּרות,
„צו זוכען אימיצענ׳ס עברות,
„און מאַכען פון אינטריגעס אַ געשעפט . . .
„און מיך אַליין וואָס אַנבעטרעפט,
„איז בעסער פיעל, מיר דוכט
„אַז איך זאָל שווייגען,
„און ריידען זאָל די פּרוכט
„אויף מיינע צווייגען . . . "

די צוויי קעץ

אַ מאָל ביי נאַכט אום איינס אַ זייגער
(ווי זייער שטייגער)
צוויי קעץ געפּראַוועט האָבען „תקון־חצות״ . .
און כאַטש דורך פענסטער און דורך טהירען,
צו זיי געפלויגען זיינען סואוועניִרען
פון שטיקער אַלטע גלאַז,
און ביינער
און שטיינער,
און פרענטעס פון פּאַרראָסטען אייזען,
און נאָך אַזעלכע צערטליכע באַווייזען —
געמיאוקעט האָבען ביידע אויף די דעכער
וואָס העכער,
און יעדע האָט מיט איהרע קוויטשערייען,
געזוכט די אַנדערע אַריבערשרייען . . .
ווייל יעדע האָט געטראַכט,
זי דרש׳נט בעסער,
און ס׳האָט זי ווי אַ מעסער,
דער צווייטער׳ס קול געשטאָכען . . .
און סוף כל סוף האָט אויסגעבראָכען
די גרויסע שלאַכט,
וואו יעדע האָט געברויך געמאַכט,
פון איהרע קעצישע כלי־זיין —

די נעגעל און שיניים,
און מ'האָט מיט וואוטה
זיך אָנגעהויבען פליקען,
און רייסען זיך און שטיקען
און טרייבערען און שינדען,
ביז ס'איז אַרום אַ לוזשע בלוט
גערונען . . .

און ווען די נאַכט געגומען האָט פאַרשווינדען,
און ס'האָט דער האָהן געגומען וועקען
דעם עולם צו ותיקון,
האָט ער געפונען
דעם שלאַכט־פלאַץ שטיל ווי אַ בית חיים.
געלעגען זיינען בלויז שיריים:
צוויי עקען,
אַ חוץ אַ פּאָאָר
צופליקטע האָאָר . . .

און יענעם מאָרגען האָט דער האָהן
אין שמונה עשרה צוגעלעגט די שורות:
„געלויבט זיי אונזער האַרר און פּאָטער,
„פאַר וואָס דו האָסט פון אויבּיג אָן
„געשאַפען אַ געזעץ,
„אַז ווען עס שלאָגען זיך צוויי קעץ
„און ווילען ווייזען גבורות,
„דאַן ווערט
„די ערד
„צוגלייך פון ביידען פּטור . . . "

דער אדלער און דער קליינער שטראם

אַ גרויסער אָדלער איז אַראָפּגעפלויגען,
פון הימעל'ס ברייטען בלאָען תהום
אַרונטער אין אַ שטילען טהאָל;
און ווען עס זיינען זיינע אויגען
געפאַלען אויף אַ שמאָלען שטראָם,
וואָס האָט אָהן שום פּרעטענזיעס זיך געצויגען,
און קוים געפּליוסקעט אויפ'ן קול,
האָט ער מיט מיטלייד איהם באַקוקט . . .

„איך קען עס ניט פאַרשטעהן" —
האָט זיך דער קעניג־עוף געוואונדערט —
„ווי דו קענסט לעבען אַזוי אָפּגעזונדערט,
„און פון דער גרויסער וועלט פאַררוקט . . .
„פאַרדריסט דיר גאָר ניט צייטענווייז,
„וואָס דו ביזט אַזוי קליין ? . . ."

דאָס וואַסער'ל האָט אָפּגעענטפערט מילד : —
„איך טהו מיין אַרבייט אין מיין קליינעם קרייז,
„איך בין צופרידען ווען איך קען דערלאַנגען,
„אַ פרישען טראָפּען מיינע שכנים־זאַנגען,
„און פרעה זיך ווען דורך מיר ווערט אָנגעפילט

„מיט זאַפט,
„דאָס הערצעל פון אַ נאָהנטער רויז . . .
„(אויף מעהרער האָב איך ניט קיין קראַפט).

„און ווען אַמאָל
„מיך הויבט עס אָן פאַרדריסען
„וואָס איך בין אַזוי שמאָל,
„און קען ניט אויפטהאָן עפּעס גרויס' —
„דערמאָהן איך זיך אָן אָקעאַן,
„וואו איך און אַלע טייכען פליסען . . .
„און איך שטאָלציר
„וואָס דאַרטען איז פון מיר,
„אַ טראָפּען כאָטש פאַראַן . . ."

דעם ספינקס׳ גדלות

אַ יונגער לייב וואָס האָט געשמאַכט
זיין בילדונג צו פאַרענדיגען,
האָט מיט זיין שטענדיגען
באַגלייטער, אַ געאיבטען
כייִרען פור[illegible], געמאַכט
[illegible]ייזע ד[illegible] עגיפטען . . .
באַטראַכטענדיג די גרויסע זעלטענהייטען
מיט וועלכע ס׳האָט פון וייטען
גע׳שם׳ט.

געשפּאַנט, געשפּאַנט, ביז אונזערע טוריסטען,
געקומען זיינען צו אַ וויסטען
געזעמד,
און האָבען דאָרט געזעהן אַ ספינקס,
פון שטיין געהאַמערט,
און מאָסען מענשען (קענטיג פון דער פרעמד)
אויף רעכטס און לינקס
אָן איהם זיך האָבען פעסט געקלאַמערט,
זיך מיהענדיג צו איהם אַרויפצוקלעטערען . . .
ס׳איז קלאָר געוועזען
אויף אַלע פנים׳ער צו לעזען,

אַז זיי פאַרגעטערען
דעם שטומען געץ,
און כאַפּען שטאַרק פון איהם התפּעלות . . .

אַ קורצע ווייל איז
דער לייב געשטאַנען שטום,
און קרום
געקוקט אויף דער אַבלאַווע,
דאַן, געבענדיג מיט כעס אַ זעץ
זיין עק אָן דר'ערד,
האָט ער זיך צו דעם פוקס געקעהרט : —
„איך וואָלט געוועהן ציקאַווע
„צו וויסען, וואָס אַזאַ פאַרזעהענים
„האָט אייגענטליך פאַרריכט,
„צי וועלכע וויכטיגע געשעהענים,
„די וועלט באַטראַכט, אַלס איהר פאַרדינסט —
„וואָס יעדער מאַכט פון איהר אַזאַ געריכט . . . ”

כ'קען, פאַני לייב, דיר געבען אַ באַריכט” —
געענטפערט האָט דער קלוגער פיהרער,
פאַרקרימענדיג גע'ממזר'ט זיין געזיכט —
„אַז ז'האָט ניט אויפגעטהאָן דאָס מינדסט' . . .
„דו קענסט דאָך נאָך דער צורה איהרער
„אַליין זיך איבערצייגען,
„אַז זי איז מעהר ניט ווי אַ גולם . . .
„דער עולם
„זעהט אָבער גדלות אין איהר שווייגען . . . ”

די פלעדערמויז אלס פעדאגאג

אַ פלעדערמויז האָט לאַנג זיך אומגעטראָגען
מיט דער געהויבענער פאַנטאַזיע,
אַז זי איז פון נאַטור באַשטימט,
צו ווערען וועלט־באַריהמט,
אַלס איינע פון די בעסטע פעדאַגאָגען,
און ז'האָט דאַרום,
אָהן שום
באַראַטהונגען, געגרינדעט אַ גימנאַזיע,
אַוואו די פויגלען צו ערציהען,
אין הלכות־פליהען,
לויט אַ ספּעציעל פאַרפאַסטער שטה . . .

זי איז — האָט זי דערצעהלט אין איהר רעקלאַמע —
אין ד י ענינים אַ געניטע . . . .
זי האָט פון כמה
און כמה יאָהרען,
שטודירט די פליה־מעטהאָדען,
און האָט געזעהן דעם שאָדען,
וואָס קומט אַרויס
פון דעם
וואָס פויגלען האָבען דעם חסרון,

צו פליהען אָהן אַ שום סיסטעם . . .
ווייל זי, די פלעדערמויז
בכן,
די פעהלערען פאַרריכטען,
און איז זיי גרייט צו אונטעררריכטען
ווי זיך אין אויר צו באַגעהן . . .

שוין אַיינגעטהיילט די קלאַסען און די שטונדען . . .
דער נאַכט־עוף זיצט ווי אויף געהאַקטע וואונדען,
און וואַרט אויף שילער . . .
און פלוצלונג — קלינגט אַ נאָהנטער טרילער . . .
(דער פלעדערמויז צו מוטה,
איז גלייך געוואָרען בעסער)
אַ יונגער שוואַלב קומט אָן
און טהוט
אַ זאָג, מיט גרויס הכנעה :
„גוט נ'אָבענד אייך, פראָפעסאָר !
„אויף אייער נעכטיגער מודעה,
„געקומען בין איך נעהמען אַ לעקציאָן
„אין אייער פליה־פענסיאָן . . .
„נאָר קודם,
„פאַרגינט מיר די הנאה
„צו זעהן, ווי שעהן
„איהר פליהט אליין . . . ”

און אויף איהר בוידעם
נאָך זיצט,
די פלעדערמויז ביז איצט —

צופרידען מיט איהר הויכער שטעלונג,
הגם זי איז געבליבען אָהן אַ קנעלונג,
אוּן ליידיג איז דער חדר . . .
דען ליידער
וויל יעדער תלמיד זעהן צוערשט,
ווי זי אַליין די לופט באַהערשט . . .

דער האָז צווישען פרעש

(פאַראַפּראַזירט פון לאַפאָנטען).

אַ האָז געלעגען איז ביי זיך אין גריבעל,
אין האָט מיט ביטערען פאַרדרוס
געטראַכט: —
„צו וואָס האָט דער פּאַהיבעל,
„מיך אויף דער וועלט געבראַכט? . . ."
„אַזאַ מין טרוס
„ווי איך האָט ניט גדאַרפט דערזעהן דעם שיין . . .
„אַ ווייטער שאָס,
„אַ האווקע פון אַ הינטעל,
„אַ טרוקען בלאַט וואָס פאַלט אין גראָז
„צו גלאַט דאָס רוישען פון אַ ווינדטעל,
„און ס'פּאַלען איין
„מיר די געבליטען . . ."
און טאַקי אין דער מיטען
פון זיינע פינסטערע רעיונות,
דערהערט זיך ווי אַ שאָרך . . . און שוין איז
דער האָז געוועזען אויפ'ן דרך . . .

אַ גאַנצע שטונד אָ'ן ערך
צי מעהר פיעלייכט,

ניט נאָכגעלאָזען האָט ער זיין געלאַף,
און האָט געסאָפּעט און געקייכט,
פון אַנגסטען שרעקליכע בעצוואונגען,
ביז ער האָט מיעד און שלאַף,
דערגרייכט אַ זומפּ מיט הויכע גראָז באַשיצט,
און איז אַהין אריינגעשפּרונגען . . .

אָהן אטהעם און פאַרשוויצט,
האָט ער זיך ווידער שוין געגרייט,
צו נעהמען שילטען זיין מערכה,
ווען צו זיין גרויסער פרייד
האָט ער בעמערקט די סומאַטאָכע,
וואָס ביי די זשאַבעס איז געוואָרען.
די בשורה
פון זייער אורח'ס גבורה,
האָט קענטיג זיך פאַרשפּרייט
אין אַלע עקען,
און אַלע זיינען פאַר זיין צאָרען,
אין טייך געשפּרונגען זיך פאַרשטעקען . . .

דער האָז, בעהאַלטען צווישען ריטלעך
האָט אויסגעגליכען זיין פיגור,
פאַרגעסענדיג אין גאַנצען זיין חסרון,
און האָט גערעדט צו זיך געמיטהליך :
„אַ'ן אונגליק מיט דער מעלאַנכאָליע . . .
„אַזוי ניט קענען ד'אייגענע נאַטור
„ווי איך, איז פראָסט אַ פלוך . . .

„אַז איך בין ברוך השם
„אַ גבור, און פאַרנעהם
„ ביי לייט אַ גרויסע ראָליע,
„דאָס קען מען, דאַכט זיך, זעהן פון דעם
„וואָס פרעש אַפילו לויפען פאַר מיין דוך . . .

דער קאַרגער

(נאָך עזאָפּ).

אַ קאַרגער, וועלכער האָט געהאַט פאַרבאָרגען,
טיעף אין דער ערד אַ גרויסען שאַץ,
האָט אויסגעעפונען איין פריהמאָרגען,
אַז נאַכט־גנבים קלוגע
אַרויסגענומען האָבען
די רענדלאַך, און אויף זייער פלאַץ
אַ הויפען שטיינדלאַך איינגעגראָבען . . .

דער קאַרגער איז געווען פון שמערץ משוגע,
און האָט פון זיך די האָר געריסען.
אומזיסט איהם האָט געפּרופט צו טרייסטען איינער:
„דו פלעגסט דאָך פון דיין רייכטהום ניט געניסען,
„ווען דו האָסט עס געהאַט,
„טאָ לאָז זיך גלאַט
„דיר דוכטען, אַז אנשטאָט די שטיינער,
„דאָרט ליעגען זעק מיט גאָלדענעם מעטאַל,
„און דו האָסט גאָרניט אָהנגעוואָרען . . . "

„זאָל זיין, אַז איך בין כלל

„ניט אָרעמער געוואָרען

„און מיר איז די געשיכטע גלייך״ —
צוגאָסען האָט דער קמצן זיך אין קלאָגען —
„ווי קען איך אָבער דעם געדאַנק פאַרטראָגען,
„אַז עמיץ איז דורך מיר געוואָרען רייך״ . . .

דער מאָפּס־הונד און דער צוג

א מאָפּסעל וואָס זיין עובדא איז געווען,
א גאַנצען טאָג אין זונן צו ליעגען
און כאַפּען פליגען,
צי ווען ניט ווען
זיך נאָך דער אַלטער קאָץ צו יאָגען —
האָט איינמאָל, גֶעבענדיג אַ קוק,
דערזעהן אַ שנעלען צוג
מיט אימפּעט דורכ׳ן פעלד
זיך טראָגען,
און געבענדיג אַ הויב זיך ווי אַ העלד
פון זיין געזעס,
געפלויגען איז ער כאַפּען דעם עקספּרעס.
און האָט געבילט אַזוי משונה,
אויף די וואַגאָנעס און די רעדער,
אַז יעדער
געקענט האָט מיינען ס׳געהט איהם אום חיונה . . .

און גאָר ניט אַכטענדיג וואָס רוק און לענד איהם
געטהאָן שוין האָבען וועה,
געלאָפען איז ער הענדום פענדום,
מיט קולות און געוואַלטען,

אַ שטונדע נאָך דער רייה,
ביז ער האָט אויף די פּיס די שוואַכע,
ניט מעהר געקענט זיך האַלטען,
און איז געפאַלען ווי אַ פלאַכע,
פאַרסאפּעט און אָהן אָטהעם . . .

אַ כאָרט (אַ ספּעציאַליסט אין הלכות יאַגד)
געפונען האָט איהם
ביי'ם טראַקט,
אַ'ן אויסגעוויקטען און אַ נאַסען
און מיט אַ הייזעריגען האַלז,
און איהם געפרעגט געלאַסען
(דערמיט נאָך האָט ער זאַלץ
געשאָטען אויף דער וואונד
פון קליינעם הונד) : —
„קענסט דו פיעלייכט מיר זאָגען,
„וואָס דו וואָלסט אייגענטליך געטהאָן
„מיט אַ וואַגאָן,
„ווען דו זאָלסט טאַקי איהם דעריאָגען ? . . . ”

די יונגע מויז זעהט די וועלט

(נאך לאפאנטען).

א יונגע מויז
וואס האט צום ערשטען מאל געטהאן א פרוף,
ארויסגעהן פונ׳ם הויז,
און חאפען אויף דער וועלט א בליק,
געקומען איז אין איילענים צוריק,
זיך טרייסלענדיג פון שרעק אין גאנצען גוף.

„ווען דו זאלסט וויסען, מאמע" —
האט זי ארויסגעסאפעט פאר איהר מוטער —
„וואס מיר האט ערשט פאסירט . . .
„איך לויף אזוי אין הויף, און זעה, ווי סאמע
„אקעגען מיר שפאצירט,
„א׳ן אנשטענדיגע דאמע
„געקליידעט אין א ווייסען פוטער,
„געבויט כמעט ווי איך און דו,
„דאך גרעסער פיעל,
„דערצו
„בא׳חן׳ט און שטיל,
„און מיט מאנירען ווייך ווי פוטער . . .

„איך חלש מיט דער פריצ'טע ווערען
„באַקאַנט,
„און הויב אָן קלערען,
„פאַרשיעדענע תרוצים,
„כדי מיט איהר צו ווערען נאָהנט,
„ווען פלוצים . . .
„זיך לאָזט דערהערען
„אַ ווילדער אויסגעשריי . . .
„איך טהו צושראָקען זיך אַ דרעה,
„און זעה, פון מיר ניט מעהרער ווי אַ שפּאַן
„שטעהט אַ צוויי־פיסיגער בויאַן,
„באַוואָפּענט מיט אַ רויטער קאַם,
„און קוקט אויף מיר אַזוי משונה בייז
„אַז מיר איז קאַלט און הייס,
„געוואָרען אין מיין רוקען,
„און כ'האָב דערשפּירט פון טויט דעם טעם . . .
„כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען נאָך זיין קוקען
„אַז ער וויל פשוט מיך פאַרצוקען,
„און בין אין האַסט אַוועקגעשפּרונגען . . .
„מיר איז אפילו ניט געלונגען
„דער גוטער דאַמע זאָגען מיין „אַדיע" . . . "

„לויט ווי איך זעה,
„מיין טאָכטער, פון דיין שילדערען" —
געענטפערט האָט די אַלטע מיט אַ קרעכץ —
„דערשראָקען האָט דיך זעהר
„אַ האָהן, א קרעהער
„וואָס קען בלויז ליאַרעמען און פּילדערען . . .

„זיי וויסען אָבער, אַז א ז ו י נ ע
„אונז טהוען קיינמאָל ניט קיין שלעכטס,
„דאָך יענע, שטילינקע, מיין שאַץ,
„איז אונזער גרעסטער שונא —
„די ווייסע קאַץ . . . ״

די מאַלפּע און דער פוקס

(נאָך לעסינג).

די מאַלפּע האָט זיך פאַר'ן פוקס געגרייסט: —
„דו ווייסט
„אַז אין דער וועלט איז גאָר ניטאָ
„אַ חיה,
„וואָס איך בין ניט אומשטאַנד קאָפּירען
„מיט איטליכער העויה . . . "

„יאָ, יאָ" —
געענטפערט האָט דער וויצלינג פון די טהיערען —
„קענסט יעדען נאָכטהאָן זעהר גיך . . .
„ביסט אָבער ניט ביכלת
„מיר וויזען אַזאַ נידעריגע בריאה,
„אפילו פון די סאַמע פסולת,
„וואָס זאָל זיך נעהמען די יגיעה,
„אין עפּעס נאָכצומאַכען ד י ך . . . "

די אייזלען פאר עזאָפּ'ן

(נאָך לעסינג).

צו עזאָפּ'ען דעם גרויסען פאַבעל־דיכטער
גקומען איז אַ'ן אייזעל מיט אַ ביטע:
„האָסט לאַנג גענוג פאַרשוואַרצט אונז די געזיכטער
„און האָסט אין דיינע אַנעקדאָטען,
„געשטעלט אונז אין דער זעלבער כתה,
„ווי נאַרען און אידיאָטען...
„קענסט דו ניט אין דער צוקונפט עפּעס קלוג'ם
„אונז לאָזען ריידען פאַר דער וועלט?...
„למשל, ווי דו ביסט
„זיך נוהג מיט'ן פוקס?..."

„איך וואָלט געוועלט
„אַ טובה טהאָן אייך גערען —
געענטפערט האָט דער פאַבוליסט —
„ווען כ'קאָן
„עס טהאָן,
„און ניט צוגלייך אַליין אַ'ן אייזעל ווערען..."

די פעט-געווארענע הוהן

(נאָך עזאָפּ).

אַ מיטגליעד פון דעם היהנער-שטאַל,
וואָס האָט דורך אַלע פיער סעזאָנען,
טאָג איין טאָג אוים אַ'ן איי געלעגט,
האָט חן געקריגען ביי איהר פרינציפּאַל,
און ער האָט זי גענומען שפּייזען,
מיט דאָפּעלטע פּאָרציאָנען —
ניט ווייל ער איז געוועזן גענייגט
איהר דאַנקבאַרקייט אַרוים-צו-ווייזען,
נאָר פּשוט, ווייל ער האָט געדענקט,
אַז אויב זי שענקט
איהם איצטער יעדען טאָג אַ'ן איי,
וועט זי, אַ'ן אָפּגעפּיטערטע, איהם געבען צוויי . . .

דער אויסלאַז, אָבער, איז געוועזן אַ ביטערער,
דען אויסגעפונען האָט דער פּיטערער,
אַז די מאכלים,
געהאַט אַ ווירקונג האָבען גאַנץ פאַרקעהרט . . .
און שטאָט וואָס זי

פלעגט פריהער יעדען אין־דער־פריה,
לכל הפחות,
כאַטש א י י ן איי צושטעלען אַמאָל איהם.
האָט זי פון פעטקייט אויף צו להכעים,
אין גאַנצען לעגען אויפגעהערט . . .

דעם לייב'ס שטאנדפונקט

(נאך עזאפ).

א'ן עולם מענשען איז פארגאפט
געשטאנען, און באוואונדערט א געמעלד,
וואס האט אויף לייווענד פארגעשטעלט,
א העלד
פון אונגעהיירער קראפט
בעזיעגענדיג א לייב אהן שום כלי־זיין . . .

פארבייגעגאנגען דאן איז גראד
א לייב א'ן ע כ ט ע ר
און האט מיט שפאט,
באטראכט דעם פאלק'ס באוואונדערייען . . .
„דער פינזלער פון דעם דאזיגען געשמיר" —
האט ער געזאגט מיט גרוים געלעכטער —
„געהערט צו אייער אייגענער חברותא . . .
„היינט וואס איז די רבותא ?
„ווען לייבען וואלטען זיין ווי איהר באגאבט
„צו קענען בילדער פארבען,
„דאן גאראנטיר

„איך אַייך, אַז איהר
„וואָלט קיין התפּעלות ניט געכאַפּט
„פון אַייער שמשון . . .
„מיר וואָלטען איהם שוין
„פאַר אַייך געוויזען מיט אַ'ן אָפּ'נעם שאַרבען . . .״

די מוק

אַ מוק, צי ריכטיגער, אַ מיקעל
וואָס מיט זיין שוואַרצען סניקעל
האָט קיינעם ניט געלאָזט צורוה,
און דאָרט אַוואו
עס האָט געקענט,
געטהאָן א בים,
אַמאָל די הענד
אַמאָל די פים,
אַבי צו מוטשען
און צו דאָקוטשען ,
און אָהן אַ שום פאַרוואָס —
האָט איינמאָל בייסענדיג אַ נאָז
אַזוי גערעדט : „פון טיטוס'צייטען אָן
„איז אונזער פראָפעסיאָן,
„פון אַלע אַנדערע די קרוין . . .
„דערהויפט דער לויהן
„וואָס מיר, די מוקען, קריגען,
„פאַר אונזער בייסען,
„איז מעהר ווי ס'כאַפּען אַלע פליגען,
„וואָס זויגען כלומרשט אויף צופלייסען ! . . .
„און דאַן דאָס פאַרגעניגען

„צו זעהן, ווי יענער רייבט
„די נאָז און טרייבט
„און קען אונז ניט פאַרטרייבען
„איז גאָר ניט צו באַשרייבען . . .

„דאָך מעהר ווי יעדע זאַך איז
„פאַר מיר אַ נחת,
„ווען כ׳טהו אַ טראַכט,
„אַז מיך האָט גאָט געמאַכט
„פאַר זיין ספּעציעלען פּאָליציאַנט . . .
„דו געה" — האָט ער געזאָגט צו מיר —
„און וואו דו טהוסט אַ ריהר,
„מאַך אָן אַ בייל, אַ וואונד, אַ בראַנד,
„און אָהן שום חקירה ודרישה
„ביים יעדען ילוד אשה . . .
„און מעג ער זיין אַ צדיק תמים,
„דו ביים
„און רייס
„און ציה איהם טראָפּענסווייז
„די דמים . . .
„דיין ליפּ
„זאָל זיין אַ שפּילקע און דיין צונג אַ נאָדעל,
„און צווישען שטעכערס
„בעטראַכטען זאָל מען דיך אַלס גדול . . .
„און זאָלסט ניט קיינמאָל עפּעס העכערס
„ווי שטעכען, האָבען אַלס פּרינציפּ . . ."

און אונטערדעסען,

האָט אונזער מוק פאַרגעסען
אַז ערגעץ איז פאַראַן אַ האַנד אַ שווערע
פון וועלכע בלויז אַ פינגער איז גענוג,
צו ממית'ן אַ מוק,
און ענדיגען איהר שוואַרצע קאַריערע . . .
און תיכף טאַקי איז אַרונטער
אַ פּאַטש, אַ שטאַרקער אַ געזונטער —
און . . . (איהר וועט מוזען מיר פאַרשפּאָרען,
דערצעהלען וואָס איז פון דער מוק געוואָרען) . . .

א מוראזשקע׳ס השגה

(נאָך לעסינג).

אַ פּאַרשער וועלכער האָט געוועלט
בעקענען זיך פון ערשטער האַנד,
מיט יעדען געגענשטאַנד,
געוואַנדערט האָט דורך וואַלד און פעלד,
און אַלץ באַטראַכט מיט גרויס אינטערעס,
ביז ער איז
געקומען צו אַ פּלאַץ,
וואו מוראַזשקעס האָבען
אַ קונציגען טונעל
אין זאַמד זיך אויסגעגראָבען,
פאַר זייער אוצר׳ל פון קערנער.
און שנעל
האָט זיך דער נייגיריגער לערנער
אַראָפּגעלאָזען אויף די קניה,
און איז געלעגען אויף דער לויער,
און מיט גענויער
בעאָבאַכטונג און שווערער מיה,
שטודירט די קליינע אַרכיטעקטען
און בויער . . .

און צו דערזעלבער צייט,
פון זייער זייט
איהם גופא האָבען די אינזעקטען
בעטראַכט פון קאָפּ ביז פיס,
ביז איין מוראַזשקע, וועלכע איז
געוועזן אַ געוואַלדיגע חכמת
(און טאַקי צוליעב דעם איז
געוועזן די קייזערין
פון קליינצינקען געזעמעל)
גענומען האָט אויף זיי זיך בייזערען.
„וואָס קוקט איהר אויף דעם קוני לעמעל ?" —
האָט זי געלאַכט פון זייער
בעוואונדערונג, מיט גרויס איראָניע —
„דאָס איז אַ פּראָסטער לעדיג־געהער,
„וואָס איז געקומען אויף בעזוך
„אין אונזער פלייסיגע קאָלאָניע,
„ווייל קעניג שלמה אין זיין בוך,
„זאָגט אַלע פוילע אָן
„ביי אונז צו קומען נעהמען אַ לעקציאָן"...

די פערד און דער וואָגען

(נאָך עזאָפּ).

צוויי פערד אין שווים געבאָדען,
פאַרמאַטערט און ערשעפּט,
אַ פוהר מיט משא אָנגעלאָדען
געדולדיג האָבען הינטער זיך געשלעפּט . . .
און קיינער פון די צוויי
האָט ניט פּרובירט זיך קלאָגען,
צי געבען אַ געשריי
אַזוי ווי טראָגען
דעם שווערען כאמוט,
און אין געשפּאַן זיך פּלאָגען,
געוועזען וואָלט פון תמיד
אַ מצוה און אַ חיוב . . .

דער איינציגער און עכטער איוב
געוועזען איז דער וואָגען . . .
ער האָט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען
פאַר זעכצעהן,
און כריפּען

און סקריפּען,
אַזוי ווי ער וואָלט קוים נאָך זשיפּען,
און דער וואָס האָט זיין קלאָג געהערט,
האָט א י ה ם באַדויערט, שטאָט די פערד . . .

דער הונד וואס בילט אויף דער לבנה

דער האָהן האָט ביי דעם הונד געפרעגט:
„צו וועלכען צוועק באַפאַלסטו
„די ליכטיגע לבנה יעדע נאַכט?
„צי טאַקי האַלטסטו,
„אַז דיין אַטאַקע מאַכט
„אויף איהר דעם מינדעסטען עפעקט? —
„דו ביסט דאָך גלאַט אומזיסט־אומנישט
„די כחות דיינע מפקיר . . .”

געענטפערט האָט דער האַוקער
(אפילו ניט אַ האָר צומישט):
„ווען דו ווילסט וויסען, ברודער האָהן,
„דעם רושם וועלכען איך מאַך אָן,
„דאַן גיב אַ קוק אויף איהר קאָליר,
„און זעה ווי בלאַס
„זי איז, בשעת
„איך בייזער זיך אויף איהר . . .”

דאס אדלער'ל און דער אדלער

(נאָך לעסינג).

„באַלד ווי איך וועל
„נאָר קענען פליהען פריי און פראַנק" —
האָט פאַנטאַזירט פאַר זיינע ברידער
אַ קליינציג אָדלער'ל, ניט לאַנג
אַרויסגעפּיקט פון איי —
„זיך יאָגען וועל איך נאָר ספּעציעל,
„נאָך פויגלען וועלכע זינגען,
„דען לויט די זיסע ליעדער
„פון זייער קעהל,
„פאַרשטעה איך אַז דאָס פלייש פון זיי,
„איז פאַר'ן גומען
„אַ וואוילער ביסען . . . "

דער אַלטער אָדלער האָט זיין טרוים צוריסען.
„ווען דו וועסט קומען
„אין מיינע יאָהרען" —
געלערענט האָט ער זיין בן־יקיר —
„דאַן וועסטו וויסען
„די זינגפויגלעך'ם חסרון . . .
„דער קול ביי זיי איז טאַקי אַ געשמאַקער,

„און פון דער ווייטען אַ מחיה,
„דאָך זיי אַליין
„געוועהנליך זיינען אָהן אַ טעם און קליין,
„און ס'לויהנט זיך ניט צו מאָל,
„מע זאָל
„גאָר קומען אין בעריהר מיט דער חבריא" . . .

די ציבעלע און דער נוס

איך מוז
דיך מאַכען אויפמערקזאַם, מיין ליבער —
האָט פּאַר אַ נוס
אַ ציבעלע געגרייסט זיך מיט איהר זכות —
אַז איך שטייג דיך אַריבער . . .
דען וואָס מען שיילט פון מיר אַראָפּ,
מאַכט אין דעם טאָפּ
די זופּ געשמאַקער,
און איז אַ מאַכל ווען אפילו רויה . . .
און דו ליעגסט אין אַ פעלץ
וואָס האָט אַ טעם פון שטרוי,
אַ חוץ וואָס ער איז האַרט ווי פעלז,
און קען דעם קנאַקער
צובּרעכען אַלע צייהן אין באַק . . .

אַ קנאַפּער בראַק
איז, וואָס מיין הויט איז שטייניג —
האָט אויף דעם זעלבען טראָפּ
דער נוס געענטפערט — דען איך האָב
אַ זיסע יאָדרע אינעווייניג . . .
לאפּוקי דיר, פּעהלט אוים דער עיקר . . .
דאָס הייסט,
אַז דו בּעשטעהסט
פון לויטער שאָלאַכץ־שטיקער . . .

די פּרוכטען און די שישקע

(נאָך עזאָפּ).

גע־אַמפּערט האָבען זיך אין סאַד,
אַ רויטער עפּעל מיט אַ באַר אַ שעהנער,
און יעדער איינער
גע'טענה'ט האָט,
אַז ער פאַרשעהמט דעם צווייטען צד,
מיט זיין קאָליר און אַראָמאַט . . .

„וואָס דאַרפען מיר וכוח'עם פיהרען ?" —
האָט אונטערבראָכען זייער קריגערײ
אַ שישקע, זייערע אַ שכנה —
„מיר האָבען, דאַכט זיך, אַלע דריי
„מיט וואָס מיר קענען פאַר דער וועלט שטאָלצירען
„און יעדער האָט זיין אייגענעם „מורנו" . . .

דערהערענדיג אַזאַ מין סטיל,
געוואָרען זיינען ביידע פרוכטען שטיל . . .

די שלאנג און די זעג

(נאָך עזאָפּ).

אַ שלאַנג
וואָס איז געוועזען מוכן ומזומן,
צו גיפטיגען אַוואו זי איז געקומען,
און האָט ממילא יעדען אָנגעגריפען —
האָט איינמאָל אויף איהר גאַנג
דערזעהן אַ'ן אונשולדיגע זעג,
און האָט אויף איהר דאָס צינגעל שוין געשליפען . . .

„דו, בעסער, רוק זיך גיך אַוועק ! " —
געסטראשעט האָט דער שטאָהל זיין בייזען פיינד —
„איך האָב ביז היינט,
„נאָך קיינעם ניט קיין שלעכטס געטהאָן,
„דאָך ווען עס קומט אַזאַ מחבל
„ווי דו, און גרייפט מיך אָן,
„בין איך קאַפּאַבעל
„צו געבען אַזאַ שטאָך אַ שאַרפען,
„אַז ער זאָל שוין קיין צווייטען ניט באַדאַרפען ;
„דען איך קאַוויר
„אַז צייהנער האָב איך שטאַרקערע פון דיר,
„הגם
„פון ד י י נ ע קומט אַרויס נאָר סם,
„און איך מיט מ י י נ ע נוץ און פּראָדוציר . . . "

די העפּליכע מוק

(נאָך לאָקמאַן, אין אראַביש)

אַ קליינע מוק (איך ווייס ניט אויב
פיעל גרעסער פון אַ שטויב)
וואָס איז פון פליהען מיד געוואָרען,
דערזעהט ווי אויף אַ פעלד דערביי
זיך פיטערט אַ בוהאַי,
און האָפּ! שוין זיצט זי אויף זיין האָרן...
זי שטעהט און רייבט זיך מיט'ן פיסעל,
און וואַרט מיט אומגעדולד אַ היבשע ביסעל,
מען זאָל באַמערקען איהר וויזיט,
און אויף צו להכעיס — דוקא ניט...
איז זי ניט פויל
און עפענט אויף דאָס מויל,
און טוט אַ זאָג: —
אדוני אָקס, אויב דיר חלילה,
פאַלט שווער מיין וואָג,
פאַרבלייב איך ניט אפילו
אַן איינציגע סעקונד,
און האָב מיר שוין אַ „זיי געזונד"...
ווייל דו מוזט וויסען,

אַז ס'איז אָקעגען מיין געוויסען,
צו פּאָלען אימיצען צו לאַסט,
און אויסער דעם איז גלאַט
ניט פּאַסיג פאַר מיין גראַד,
צו זיין אַן אומגעווינשטער גאַסט...

טוט קאַלט דער אָקס אַ ברום
(און קעהרט אפילו זיך ניט אום):
בלייב יאָ, בלייב ניט, טו ווי דיין האַרץ געלוסט,
וואָס אַרט מיך וואָס דו טוסט?
ווען כ'וואָלט דיין מענה-לשון ניט געהערט,
וואָלט איך אפילו ניט געוואוסט,
אַז דו געפינסט זיך אויף דער ערד...

די לייביכע

(נאָך לאָקמאַן, אין אראַביש)

פרוי האָז, וואָס איז געוועהנט געוואָרען
אַ קימפּעטאָרין
צו זיין מיט מזל אָלע ווײלע,
האָט שטאַרק געגרויסט זיך מיט דער מעלה...
באַגעגענט זי אַמאָל אַ לייביכע אין וועג,
און מיט אַ צינגעלע אַ גלאַטען
טוט זי ביי איהר מיקלאָמפּערשטען אַ פרעג:

ווי קומט עס וואָס איך האָב
אַ קימפּעט אַלע פּאָר מאָנאַטען,
און — קיין עין־הרע זאָל זיי נאָר ניט שאַטען —
און שיט מיט קינדערלעך ווי באָב...
און דו ווערסט נאָר
געלעגען איין מאָל אין אַ יאָהר,
און האָסט אינגאַנצען בלויז אַ הייפעל קינדער?...

דעם אונטערשייד קאָן זעהן אַ בלינדער —
געענטפערט האָט איהר קאַלט
די קיניגין פון וואַלד —
דו פרוכפּערסט זיך אויף אַלע גראָזען,
און פלאָדעסט אָן אַ וועלט מיט האָזען...
און איך געבער ניט מעהן
ווי אין אַ יאָהר אַמאָל,
און קליין
ממילא איז די צאָהל
פון מיין געזינט, דערפאַר
איז איטליכער — אַ לייב, אַ גבר...